STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10799

FUN SHLAKHT-FELD

Ezra Fininberg

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עזרא פיינבערג

פון שלאכט-פעלד

אָ ג י ז
מעלוכע־פאַרלאַג „דער עמעס“, מאָסקווע 1943



איידער ס'איז געשען

א שטעג

א פּאָר טרעט ארויס
פון א וואלד אף אוראל.
וואָס זיי האָבן געטאָן
אינעם וואלד?
ניט פרעג.
ס'איז א גאָלדענער שטעג.
מיט זײַן דינינקן רעקל
זײַנען זיי ביידע באדעקט.
ביידע זומערדיק-פריילעך
און פּאָכען צום צוג מיט די הענט.
און אקעגן—
דער מײַרעוו-זוים ברענט.

ס'איז פארנאכט פון א רו-טאָג,
קיין זאָרג און קיין ווײ.
עס איז ארבעטער צוויי
נאָך א פינפטאָג פון מי.
ס'איז אַן ער און א זי,
ס'איז א פּאָר פון דער פרידלעכער וועלט,
וועלכע ליבט זיך און מערט זיך,
א פּאָר מיט ערדישע לײַבער,
מיט גרינגינקע הערצער,
געווענדט

מ גוטס,
צום גענוס פונ א רו-טאָג.

אונ אקעגנ —
דער מײַרעוו-זוימ ברענט.
אונ אקעגנ —
דער מײַרעוו-זוימ בלוטיקט.

אינ א גרויסער נאכט

פונעמ הויכנ הימל אפ די סטעפּנ הינטער מעליטאָפּאָל
(ווידער! ווידער!)
האָט א שטערנ זיכ ארויסגעריסנ
אונ אינ וועלט ארײַנ אוועקגעלאָפנ.
רופ איכ אָנ די נעמענ פונ כאווײרימ,
רופ איכ אָנ די נעמענ פונ די גוטע ברידער,
שײנע נעמענ,
ליבע נעמענ.
ס'ווילט זיכ דער נעשאָמע מײַנער וויסנ:
— אוי, בא ועמענ,
אוי, בא ועמענ,
האָט א שטערנ פונעמ הימל זיכ ארויסגעריסנ?..

כ'ווייס, אז שטערנ מײַנער,
וואָס אינ גרויסער וואָגלעניש געשיקט איז,
כ'ווייס, אז שטערנ מײַנער
איבער אויגנ מײַנע נאָכ צעוויגט איז.
כ'ווייס, אז שטערנ מײַנער
וועט אָט-דאָרט אינ הויכנ בלוי זײַנ
עפּשער נאָכ א יאָר,
אונ עפּשער א יאָרטויזנט.
אָט-אָ דאָרט,
אינ יענעמ ראכוועסדיקנ ווינקל, —
לויכט ער נאָכ אונ שמייכלט נאָכ
אונ פינקלט.
עפּשער, עפּשער דארפ איכ שטערנ מײַנער

זיך א ריס טאָן
און זיך לאָזן לויפֿן
דורך דער גאָרער וויסטע
דעם שטערן פֿון א כאווער
נאָכיאָגן, דעריאָגן?
ווער וועט עס מיר זאָגן?

ווי מיר, ווער וועט עס מיר זאָגן?
א גרויסע נאכט.
א שנעלער צוג.
א פֿענצטערל .אנ אָפֿנס —
קעגן הויכן הימל אף די סטעפּן הינטער מעליטאָפּאָל.

ווי גיך סע בײַטן זיך די דוירעס...

סע שפּילן קלעזמער, ס׳איז שוין נאכט געוואָרן.
די טרומייט לעם טיר צעפּראַלטער רופֿט
די אלטע שטאָט, די ראקאָווקע צום קלוב
אין נאָמען פֿון יִיסראָעל באָרמאנ.

ס׳איז וועסנע-נאכט. איך שטיי באם דאָג,
ווו ס׳האָט די קינדהייט מײַנע דורכגעיאָגט.
איך שטיי באם ווינקל, קעגן דער ליסהאָרע,
לעם די אלטע שטיבער אונטער אלטן בארג.
כ׳געדענק דאָ אלץ. ס׳געדענקט זיך שטארק.

סע שפּילן קלעזמער, ס׳וועקט א האָרן.

מיט קליינעם קינד אף הענט א מאמע א פֿארקלערטע
פֿארלאָזט אין ליק די פּראָסטע שטוב
און אײַלט צו דער מוזיק, צום קלוב
א שמייכל טאָן, א קוק טאָן און א הער טאָן.

סע שפּילט אף הענט דאָס קינד, סע שפּילט פֿארשײַט,
א יִינגעלע, א נײַע בײַט, פֿאר יענע לײַט,
פֿאר יענע אײַנוווינער, פֿאר מײַנע שכיינים,

וואָס האָבן איצט אַף אייביק זיך באַזעצט
דאָרט אַפן פעלד, באַם וועג קיין פּיקאָוועץ,
און וועלן שוין ניט אומקערן זיך קיינמאָל.
מיט קינד אַפן הענט די יונגע מאַמע גייט
צו טיר צעעפנטער, צו פריילעכער טרומייט.
איך קוק פון ראָג אַף אַלטע פּלעצער הוילע:
איך האָב זיי גוט, אָ, גוט געקענט אַמאָל,
דעם אוילעם איינוווינער, דאָס "ייִדיש" פאָלק,
וואָס שלאָפט דאָרט אַפן בארג, אַפן בעסוילעם.

אַצינדערט אַפן בארג, באַם סאָף
פון שטאָט — זיי רוען, רוען אָפּ,
אַ מיפּ מיט גליוער־קעפּ און שטומענדיקע ליפּן,
פאַרצייטיק ווי די סטעפּן מיט די סקיפן,
לעגענדאַריש ווי דער מאַסטאַדאָנט,
ווייט ווי דער נעפּל, וואָס פון סאַמע, סאַמע אָנפאַנג אָן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין קינדהייט איז אַזוי געווען:
כ'בין אַלט געווען דאַן אַ יאָר צען.

דאָס בלוט פון דוירעס פרומע לייט
האָט אויפגעוואַכט און זיך באַנייט.

און כ'האָב פאַרנומען יעדער סאָד
אַרום און אין און איבער שטאָט.

און יעדער פרי און יעדע נאַכט
כ'האָב נייע טפילעס צוגעטראַכט.

אַ ניי געבעט, אַ ניי געבאָט,
אַ נייע פאָרכט פאַר ביידזן גאָט.

— אַז אויבן, אונטן, העט אַרום
איז פרעמד און ווילד און זומפּיק שטום. —

האָב איך אין טפילעס־פלאַם געברענט,
אַ פרומער ייִד פון אַ יאָר צען.

כ׳האָב אלע טאָג און אלע נאכט
פארבראכט מיט גאָט אפ יידיש-שפּראך,

געשמועסט מיטן הימל-גאָט
אי וועגן זיך, אי וועגן שטאָט.

און וועגן כאָלעם, וועגן וואָר:
— ניט צו פארשטייען דאָ קיין וואָרט,

ניט צו פארשטייען דאָ קיין אָס.
פונוואנן? וו׳אזוי? און צוליב וואָס?

וואָס טאָן דאָ זאָל, וואָס טאָן דאָ קען
א פרומער ייִד פון א יאָר צען?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָך שפּעטער, שפּעטער, אויך אין אָנפאנג פון מײַן לעבן
(ווײַט וואנדרעווען כ׳האָב ליב געהאט שוין דאן)
בין איך אוועק שפּאצירן און פארגאנגען
צום אלטן פעלד, ווו ס׳ליגט דער רעבע
רעב נאכמענצי, דער ייִד דער גוטער.

איך האָב געטאָן א שפּרונג אריבער פּלויט
און בין ארײַן אין לאנד פון טויט:
— וואָס מאכן יידן פון פאר הונדערט יאָר. וואָס טוט מען?
ווי גייט עס?.. — כ׳האָב געטראָפן דאָרטן הויכינק גראָז.
דורך דער געדיכטעניש כ׳האָב שפּאנען זיך געלאָזט.
ס׳איז בלאָ דער הימל. הייס די זון איז. הויך דאָס גראָז איז.
מיידלעך באָרוועסע שנײַדן עס מיט קאָסעס
און געדזגען זיך און גוואלדעווען א ליד.

בין איך פארגאנגען טיף, פארגאנגען ביז סאמע מיט.
און כ׳האָב געטראָפן אן איינ-איינציקן מאצייווע-שטיין,
אן אָפּגעריבענעם, א לעצט-פארבליבענעם, און כ׳האָב געלייענט:
„האָישאָ מאָראס יויכעוועד״...
האָט געטאָן לעבן
פון יאָר... ביז יאָר...
(געשטאָרבן, הייסט עס, קריק מיט הונדערט פופציק יאָר).
און מער קיין שורע ניט, און מער קיין וואָרט.
באטראכט האָב איך דעם גליוער און באטראכט דעם הויל.

און פלוצלינג ז'מיך באפאלנ גרויל.
געוואָרנ ז'מיר ניט גוט, ניט ווויל.
עס האָבנ מיידלעך באָרוועסע מיט שייַנענדיקע ליטקעס,
זינגענדיק, דאָס הויכע גראָז געשניטנ.
(רעב נאכמענצי אינ אויהעל איז געשמאק געשלאָפנ)
ארומ געוועג איז ברייט און בלאָ און כרייַ און אָפנ.
בינ איך אוועק, בינ איך אנטלאָפנ.

אפ שטענדיק פארגעדענקט האָב איך די פרומע,
די קאָשערע יויכעוועד, די עלטער-באָבעשי פונ אומאנ,
א לעצטנ שטיינ, וואָס איז פארבליבנ:
שטומקייַט, פינצטערניש און גליוועך,
שטומקייַט, פינצטערניש און ליידיק
נאָך די עלטער-באָבעס, נאָך די עלטער-זיידעס.

סע שפילנ קלעזמער. הער, ווי'אזוי מע זעצט
אינ טאצנ. אפנ וועג קיינ פיקאָוועצ
(לעמ אומאנ־שטאָט א דערפעלע אזא)
איז אפנ נייַעמ פעלד איצט שטיל און שא,
אמאָל געוועזנ דאָרט געראמ איז.
הייַנט איז געדיכט. סע שלאָפנ דאָרט די טאטע-מאמעס.
(ס'האָט בייז געווילדעוועט. ס'האָט שטארק געשטורעמט,
געוועזנ דעניקינ און געוועזנ פעטליורע).
הייַנט איז געדיכט דאָרטנ. און נאָכעט וואָס?
סע וואקסט דאָרט הויך, גאָר הויך דאָס גראָז.

ווי גיך סע בייַטנ זיך די דוירעס!
אָט איז דאָ נאָענט אפ דער מאמעס הענט
אדורכגעגאנ א נייַער מענטש,
א פרישער, צאפלדיקער יוירעש.
זע, ס'איז אדורך מיט ריינעמ בליק
דאָס קליינע קינד פונ אונדזער וויג.
זייַנ מאָרגנ-טאָג איז אומגעהויער.
ער וועט אדורך די גרויסע בריק,
ער וועט אדורך דורך בלוט פונ קריג,
ער וועט דערשלאָגנ זיך צומ גליק,
א וועלט-באזיגער און א בויער.

זומער־לעב

דורך וועלדער אין זומער-טאָג לאָז איך זיך שפּאַנען
און קום און געפין זיי.
אינמיטן די ריזיקע וועלדער פאַראַנען
א ליכטיקער אינדזול.

א לאַנקע א ברייטע מיט גראָז מיט הויכע,
און קינדערלעך ראַשן.
אין טאָג אינעם פריילעכן יונגינקע קויכעס
זיך פּאַשען.

א כאָוער — דאָס טײַכל, א כאָוער — די וואַלד-טיף,
דער קאָרן מיט בלומען.
א כאָוער — די וועלט איז, דער זוניק-צעשטראַלטער,
דער היימישער זומער.

— איר, שוועסטערלעך ליבע, איר, ברידערלעך רײַכע,
אהער כ'בין געקומען
מיט אײַך צו פאַרברענגען אַפּ לאַנקע באַם טײַכל
א טאָג אין א זומער.

איר, ברידערלעך יונגע מיט אויגן, וואָס שײַנען,
איך בין אײַך מעקאַנע.
אָ, טײַערע ברידערלעך, נעמט מיך אַרײַנעט
אין אײַער קאָמפּאַניע! —

זיי נעמען אַרײַן מיך, זיי שלעפּן מיך, ציִען,
דעם טײַך מיר באַווײַזן,
זיי זינגען מיר לידער פון גילדענע פריִען
און זעלטענע רײַזעס.

יאָ, איינער וועט פירן אין מעכטיקע שטרײַטן
דאָס מעכטיקע כײַעל.
א צווייטער וועט פליִען מיט העלדן, מיט רײַטער
אזוי ווי טשאַפּײַעוו.

א דריטער וועט דורכשווימען שטורמישע יאַמען
מיט וועלט-קאַפּיטאַנען,

א פערטער וועט זיגן מיט טאַטעס און מאַמעס,
צום וועלט-זיג דערשפּאַנען.

צעשפּרייט זיך אין שטילקייט א הימל מיט שטערן
אף בערג און אף טאָלן.
קאָלומבוס און טשקאלאָוו, און שטשאָרס און זשול-ווערן
קומען צו כאָלעם.

טיף-נאַכטישע וועלדער. א לאָנקע — אינמיטן.
קיין רייטער, קיין גייער.
בלויז נאָענט, גאָר נאָענט עס חאַכן און היטן
די רויטע גרמייער,

עס זאָל זיך אין שטילקייט קיין פלאַם ניט צעברענען,
קיין פייַנט זאָל באַפאַלן...
די קינדער זאָל וויל זיין — האָט אָנגעזאָגט לענין,
האָט אָנגעזאָגט סטאַלין.

אָשער צווישן די באָגונער

א טאָג קומט אוף, א נאַכט שווימט דורך. עס פריט.
די שלאַנקע רייטער יאָגן קיינמאָל, קיינמאָל מידע.
ס'איז ווידער פרייער מייַ, ס'איז ווידער צוויט.
ס'איז גרינע אוקראַינע, און ס'איז וועלט אין כידעש.
אף יעדער שטעג אקעגן — לויכט עס, בליט עס.
דורך האָריזאָנט און האָריזאָנט און ווייטער, ווייטער ציט עס.
טרעפט א באַטאָג: באַם טרייען פערד — געלאַסענער די טריט.
דער רייטער קוקט, דער רייטער שווייַגט.
אפסניי באַם רייטער ס'האַרץ צעגליט איז.
עס רופט א שטראַל אין וויַט: „פלי מיט! פלי מיט!
אָט-אָ אף יענעם לאָנקעלע,
דאָרט איז פון גאָר דער וועלט די מיט,
אָט-אָ אף יענער זייַט פון וואַלד און טייַך און בריק —
דאָס גליק — אָט אי'דאָס!"
און קויעך פריילעכער
מיט בלוט מיט רויטן זירט.

דער רײַטער קוקט, דער רײַטער שווײַגט.
דאָס אויג צו ראַכוועסדיקער וועסנע צוגעשמידט איז.
אַפֿ וואַלד, אַפֿ פֿעלד, אַפֿ שליאַכ,
אַפֿ ליפּ פֿאַרשטויבטער זאַמלט זיכ די ליד
מיט קלאַנגען וווּנדערלעכע
אַפֿ דער מאַמעס שפּראַכ, אַפֿ יִדיש.
ביז ס'וועקן אים די רײַטער — ברידער אויף:
— Шварцман, что ты видишь? —

די רײַטער — ברידער לאַשטשען אים מיט שטרענגן בליק,
מיט הארץ, וואָס קיינמאָל ניט געווען געפּעסטעט,
עס קוקט אַפֿ אים אַ מאַכנע, וואָס אין ערשטן פֿלאַם געשיקט,
די יִנגסטע פֿרײַנט, די קרעפּטיקסטע און בעסטע.
ס'האָט וויי און איימע זיי אין היימען פֿינצטערע געשטיקט.
הײַנט איז באַפֿוילן זיי: „אין קריגן קריגט דאָס גליק!
קיין שפּור זאָל בלײַבן פֿון דער שוואַרצער פֿעסטונג!"
און יעדן איינעם האָט אַ מאַמע אין אַ וויגעלע געוויגט,
און יעדער איינער האָט אַ טײַערע, אַ טרײַע שוועסטער,
און יעדער איינער האָט אַ לייד, אַ פֿרייד,
אַן איין-און-איינציקע, וואָס ער פֿאַרגעסט ,יט.
נאָכ יעדן איינעם טשאַטעוועט דעם סוינעס קויל און שטריק
אין יאָרן אין פֿאַרלאָקערטע, אין ראָצכים-נעסטן.
און יעדער איינער קומען דאָרף צוריק
מיט לעבן גאָלדענעם, מיט שאַלנדיקן זיג...
אינמיטן פֿעלד, אינמיטן שליאַכ.
אינמיטן טאָג פֿון וועסנע
באַם רײַטער מאָנען זעלנער, ברידער, פֿרײַנט:
— שוואַרצמאַן, זאָג, וואָס זעסטו? —

אַ ראָד פֿון אייגענע, די אויגן פֿונעם ליבן דאָר,
אַ רײַטער-מאַכנע מיט דער פֿאָן פֿון דער קאָמונע,—
יונגעלײַט, וואָס ס'האָט צונויפֿגערופֿן שטשאָרס,
פֿויען פֿערד באַם ברעג פֿון דאָרף, באַם ברונעם,
אין בלויען טאָג, אין נײַנצנטן, אין פֿרי פֿון יאָר,
ווען פֿעלדער-ברייט — אין פֿרייד, ווען וועלט איז זוניק,
ווען גרינגג צעקלינגען זיכ די מילדסטע סטרונעס,

װען ס'דאכט זיך: נאָענט, נעבן, אָט —
פאַראַן דאָס קיינמאָל ניט געפונענס, —
האָסט טויזנט לעבנס דורכגעיאָגט, געזוכט, געפאָרשט,
ס'האָט דיך מיט רויט געטריבן בלוט און וויסטעניש און דאָרשט,
ביסט טויזנט זומפּן דורך — און ס'איז אוועק, אנטרונען,
און פּיבצעם: — כאַווער! מענטש! דו זעסט? דו האָרכסט? —
און פּלוצעם: — ברודער! נעבן עטעמט עס, א לעבעדיקע וואָר,
דאָס גוטס, דאָס וואַרעמס, דאָס געוווּנענס... —
מיט בליק מיט כמורנעם
און מיט האַרצ מיט קלאָרס —
— Шварцман, что ты видишь? —
מאָנען די באָגונער.

— איך זע מײַן וואַלד, מײַן באַרג, מײַן טאָל,
איך זע די ערד, ווו כ'בין געבוירן.
עס פליסן טײַכן לויטער, ווי קרישטאָל,
עס וואַקסן דעמבן — ריזיקע גיבוירים.
א פריילעך ייִנגל, פרײַ פון אַל,
איך גיי אין פעלד אוועק און כ'ווער געוווירע:
באַפוילן איז פון אַלעמאָל אַפּ אַלעמאָל,
אַז בליִען זאָל, אַז וואַקסן זאָל,
און זוניק-זינגעוודיקע גייען אויף די דוירעס.
עס ווינקען, רופן שטעגן אָן א צאָל,
אין טיף-געדיכטענישן לאָז איך זיך אָן מוירע, —
איך שפּיר דאָס אופגייען און איך הער דאָס יוירן,
עס יאָגט א קוואַל מיט מילדן קאָל,
דעם מורמל כ'פאַנג, קיין קלאַנג גייט ניט פאַרלוירן...
איך זע מײַן ערד, וואָס טרײַהײַט כ'האָב געשווירן
איר זון, איר גליק, איר שמייכלענדיקן פאָלק!..

. . . .

מ. דאַניִעלן

די אויגן צוגעמאַכט, אַף שטענדיק אײַנגעשלאָפֿן,
און דורך דעם לאַנד צום לעצטן מאָל געקומען פֿאָרן —
פֿון טאָג פֿון זוניקן באַם יאַם אין דאָרעם
צום שנייען־טאָג אין כמורנעם צאָפֿן.

און ס'איז דאָס לאַנד לעם צוג דײַנעם אַדורכגעלאָפֿן,
דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס איז מיט מוט באַוואָפֿנט.
די שטעט, אַוווּ מיר זיך מיט דיר געטראָפֿן,
אַלע גרינגע, שווערע, זינגענדיקע יאָרן
האָבן זיך אַ נייג געגעבן פֿאַר דײַן אָרן.

די גרויסע היים, די שיינע ערד,
וואָס האָס געבוירן אונדז און האָט אונדז אויפֿגענערט,
איז צו דײַן צוג דײַן לעצטן צוגעפֿלויגן
און דיר אַ קוש געטאָן די אויגן.

ס'איז אַ געשאַנק דײַנער, אַ בוך דײַנער באַ מיר געבליבן.
מיט טיפֿער פֿרײַנטשאַפֿט און מיט דיכטער־ליבע
האָסט מיר אין בוך דײַנעם אַזוי פֿאַרשריבן:

„אויב ס'וועט די צוקונפֿט אונדזער לאַנד אַ רוף אַ גרויסן ברענגען
און ס'וועלן זיך די דיכטער אויסשטעלן אין שלאַכט־רייען אין שטרענגע,
מיר וועלן שטיין מיט דיר אין איין שערענגע...‟

איך הייב די אויגן אויף, כ'באַטראַכט מײַן דאָר, מײַן וועלט,
און כ'וויין: ס'האָט אין מײַן ריי אַ כאַווער זיך געפֿעלט.

אין אָוונטן אין קיִעווער, אין מאָסקווער פֿריִען
כ'וועל דיך שוין קיינמאָל ניט באַגעגענען, דאַניִעל.

נאָר ס'בלײַבט דײַן ליד, נאָר ס'בלײַבט דײַן וואָרט.
עס בלײַבט די שלאַכט־שערענגע די ניט־מידע.
עס בלײַבט דאָס לאַנד, עס בלײַבט דער צוקינפֿטיקער דאָר,
ס'בלײַבט דאָס געזאַנג, דאָס רויט געזאַנג אַף ייִדיש.

לעצטער אָוונט

עס איז געווען א יוני-אָפּדערנאַכט. אַמאָל. אַמאָל. אַמאָל.
דורך מאָסקווער טעאַטראַלנע פּלאַץ געגאַנגען צוויי׳ען.
מ׳האָט „סאַלאַוואַט יולײַעוו״ דאַן געוויזן אין קינאָ אין „מעטראָפּאָל״.
— מיר וועלן מיט א רעגע שײַן דאָס מידע האַרץ דערפרייען. —
און מיטאַמאָל: — אוי, זע! — ס׳איז ציטעריק געווען מײַן קאָל
צו דער באַגלייטערן פון אַלע פריידן, וויי׳ען.
— אוי, זע נאָר, זע, ס׳איז עפּעס אַזאַ טונקלקײַט געפאַלן
אַף אונדזער הויכער שטאָט און אַפן פּלאַץ דעם טעאַטראַלן. —

פאַראַנען צייכנס אַף דער וועלט, פאַרשטעלט איז זייער סמאַך.
אַן אָנדײַט קומט פון רייכעס, שטראַלן, וואָלקנס, וואָגלענדיקע פונקען.
ס׳איז ניט קיין מיסטיק, ס׳איז דאָס אויג, וואָס האָט געזען א סאַך,
די טיפּ, וואָס גרינג דערשפּירט די יאָגנדיקע עמעס-ווונקען.
אין יענער שאָ, אין יענעם אויגנבליק, אין יענעם אָפּדערנאַכט:
— ס׳איז אַלץ, ווי פריִער, נאָר אַזאַ מעשונעדיקער טונקל!
דער זעלבער פּלאַץ, די זעלבע מויערן, דער זעלבער טראָטואַר,
נאָר ס׳האָט מיט צאַר פאַרכמאַרעט זיי דער אָנקום פון געפאַר. —

מעטראָ, די קרעמל-וואַנט אין ווײַטן. דאָס פאַריינען-הויז.
און הויך אַפן געבײַ פונעם טעאַטער פונעם גרויסן — די מערקאָוועס.
און הויך אַף קעפּ פון צוויי׳ען הענגט א הימל-פּאַסיקל א בלויס:
אַף פעלדער פונעם פּאָטערלאַנד א שעפּע ווערט געכאָוועט.
— דו זע. וואַרט אויס. אָ, זע. עס איז א שווערד אַנטבלויזט.
סאַקאָנע כ׳שפּיר, קאַנאָנען כ׳הער אין אָט דעם אָוונט.
אוי, זע, מײַן אויסגעכאָלעמטע: ס׳איז נאָענט ראַשיקע געשעעניש.
כ׳זע אַש, כ׳זע בלוט. מיר דאַכט זיך, אַלע, אַלע זענען עס. —

פאַראַנען צייכנס אַף דער וועלט מיט וווּנדערלעכן, ריזיקן באַטײַט.
ס׳איז ניט קיין מיסטיק, ס׳איז דעם האַרצס גרויס-אויגיקע דערפאַרונג.
אין יענעם יוני-אָוונט איז פון ווײַטער מײַרעוודיקער זײַט
געגאַנגען צו דעם מיטן פונעם מיטג וועלט — א כמאַרע.
מיט קומענדיקן דונער האָט א בליץ געטאָן, א ווונק געטאָן די צײַט —
פון קרירע-יאַם און ביז די קאַנטן פון גאַניידנדיקן וואַרעם.
די ברייט, די לענג געווען איז שטרענג און האַרב און שטום.
א קנאַל אַן אויסבאַהאַלטענער האָט שטיל מיר אײַנגערוימט: — איך קום! —

און כ׳האָב אפּ אלצ ארום, אפּ זיכ, אפּ לײַט געטאָנ א קוק.
דער טונקל וואקסט. מ׳יר אונטער לעצטנ פּאסיקל פונ בלוי גיי׳נ.
מײַנ שטאָט האָט צענ וואָקזאלנ און פונ אלע יאָגנ צוג נאָכ צוג —
צו זומער פרידלעכנ עס יאָגנ באנענ פײַל פונ בויגנ.
שוינ טויזנט מאָל האָט צוגערוקט זיכ טויט, נאָר ניט פארצוקט,
נאָר ניט פארטיליקט זײַנענ מײַנע זעערישע אויגנ.
אצינד — אוי, קינד, — אפּ אלצ, צו וואָס מיר וואקסנ און מ׳יר גארנ,
עס גייט, עס פליט פונ מײַרעוו-זײַט די כמארע פונ די כמארעס.

יאָ, מאָרגנ, איבערמאָרגנ קומט דער הילכיקסטער געוויטער אָנ.
יאָ, מאָרגנ, איבערמאָרגנ וועט דאָס פײַערדיקע נײַעס טרעפנ.
באדעקט האָט וואָלקנ גרויזאמער די שטרעקע פונעם ניעמאנ ביזנ דאָנ,
פונ וואָלגע-טײַכ און ביז ייִשוווימ ייִדישע באמ דניעפּער.
איר, קינדער אופגענערטע אונטער לעניִנס אייביק-שײַנענדיקער פאָנ,
אוי, דו, נעשאָמע מײַנע מיט דער ציטעריקער אָפּגעהיטער שעפע,
אוי, טײַכנ מײַנע זילבערנע, אוי, גינגאָלדענע שטעט,
אָט מאָרגנ, איבערמאָרגנ קומט עס און געשעט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און סאלאוואט יולײַעוו האָט אפּ פערד אפּ היציקנ דורכ סטעפּנ דורכגעיאָגט,
און סאלאוואט יולײַעוו האָט באשקירנ מיטגעבראכט צו פּוגאטשאָוונ...
נאָר ווײַט, נאָר בלייכ געווענ דער איינעכטיקער, אָפּגעלעבטער טאָג —
אפּ טאָלנ, גראָבנס אפּ אמאָליקע א נעפּלעניש א גראָווע.
כ׳האָב שוינ דעמ קלונג פונ גלאָק געהערט — פונ לוואָוו און ביז
וולאדיוואָסטאָק.
איכ האָב שוינ דעמ אליארעמ-קלונג געהערט אינ יענעמ שטילנ אָוונט.
כ׳בינ שוינ דורכ שטעט פונ לאנד געגאנ מיט אויגנ — אויערנ מיט צוגעש-
מידטע
צומ טראָט צומ נאָענטנ, צו אָטעמ נאָענטנ פונ אומגעהייערנ געוויטער.

ס׳איז אונדזער גאנג צוריק געווענ דורכ ליקנ שפּעט, העט שפּעט.
גערוט האָט מאָסקווע, ס׳האָט גערוט ארכאנגעלסק, סעוואסטאָפּאָל.
עס זײַנענ אינ א זומער-נאכט געשלאָפנ מײַנע פעלדער, מײַנע שטעט.
מ׳יט הויכע טאָפּאָלנ אפּ בערג איז קיִעוו שטיל געשלאָפנ.
ס׳האָט כאָלעמ זוניקער די קינדערלעכ צומ לעצטנ מאָל געגלעט.
איכ האָב די אויגנ צוגעמאכט, געבליבנ זײַנענ אָפנ
די אויגנ פונ נעשאָמע מײַנער. אינעמ שטיבל באמ שאָסיי
כ׳האָב צוגעשפּארט זיכ: — א? מע הערט ניט קיינ געשריי? —

אין שטיבל הילצערנעם לעם שליאַכ, וואָס פירט קיין לענינגראַד,
כ'האָב יענע נאַכט געדרימלט און האָב ניט געדרימלט.
איך האָב געהאָרכט דעם שאָרך פון יעדן גרעזל און פון יעדן בלאַט.
איך האָב געהאָרכט דאָס פלאַטערן פון יעדן שטענגעלע, פון יעדן בלימל.
— אַ? האָבן נאָך ניט אָנגעשיקט דער גאַזלען און דער קאַט
די קוילערס אַף דער ערד, די ראָצכים אינעם הימל?
ס'איז שטיל? ס'גייט קיינער ניט? עס האָט נאָך ניט געטראָפן?
דעם וואָפן גרייט, מיין פאָטערלאַנד! דעם וואָפן גרייט! דעם וואָפן!



פון סאמע פײַער

צעשמעטערנ!

ער זאָל ניט קומענ מיט דער האק דער בלוטיקער
אינ שיינע שטעט ארײַנ —
צעברעכנ אימ! צעמיימעסנ!
צעשמעטערנ!

ער זאָל קיינ בייז, קיינ שאָדנ
אינ די העלע לענדער טאָנ,
ער זאָל ניט טאנצנ
אפ געשאָכטענע און אַפּ געשענדעטע.
ער זאָל קיינ שפאנ
אינ קאנטנ ליכטיקע, אינ קאנטנ ווילע טאָנ,
ער זאָל ניט אופשטעלנ קיינ בערג
פונ קינדער פונ געקוילעטע, —

מיט פאָלק מיט ריזיקנ, מיט פויסט מיט שטאָלענער
דעמ וועג פארסטאָמפּענ אימ!
אינ פּרעכנ הארצ זײַנעמ אינ כײַישנ —
א גוטע באָמבע אימ!

אונ ווער וועט איצט געבויגנ זײַנ?
אונ ווער וועט איצטער טרויערנ?
דער סוינע בא די טויערנ!

2—79

ס׳זאָל קיין געפּאר קיין פינצטערע
אפ טאָג און נאכט ניט לויערן —
עס גייט דאָס פאָלק
אין לעצטן קריג אין אומגעהויערן,
עס גייט אין שלאכט
דאָס מעכטיק׳ פאָלק פון ארבעטער און פויערים,
אין שלאכט עס גייט מיט יונג און אלט,
מיט קינד און פרוי ארײַן, —
דער סוינע בא די טויערן!

און יעדע צוגעגרייטע קויל
זאָל טרעפן אין זײַן שווארץ ארײַן!
און יעדע צוגעגרייטע קויל
זאָל טרעפן אים אין הארץ ארײַן!

און שאָמרים אונדזערע אין הייכ
אים זאָלן שטײַפ פארקלאמערן!
און אונדזער האמער אפ דער ערד
זאָל אים אפ שטויב צעהאמערן!

גיי פעסט אדורכ דײַן גרויסן וועג,
מײַן רויטארמיי מײַן טײַערע!
גיי שטאָלץ אדורכ דײַן גרויסן וועג,
מײַן שיינע וועלט-באפרײַערן!

מיט פאָנען מיט צעפײַערטע
באזיג אים, טרײַע רעטערן!
אפ יאמען און אפ טריקעניש,
דורכ אלע בייזע וועטערן —
צעברעכן אים! צענעריקן!
צעמיימעסן! צעשמעטערן!

יונ 1941

אונדזער פאָן איז גערעכט!

כ׳רייד אזוי מיטן לאנד אינעם וואכ זײַן פון נעכט:
„איצטער גיי׳נ מיר ארויס אפ א גרויסן געפעכט.
אונדזער פאָן איז גערעכט! אונדזער הארץ איז גערעכט!

ווּ עס איז נאָר פאַראַנען אַ ליכטיקער העלד,
אַ גיבער אַ רײנער, אַ מענטש אַף דער װעלט —
ער קומט און אין אונדזערע רייען זיך שטעלט.

איבער שטאָט, איבער דאָרף, איבער באַרג, איבער טאָל
קומט אַ כּאַיל איצט אויף אָן אַ ברעג, אָן אַ צאָל,
קומט אַ כּאַיל איצט אויף, וואָס איז ריין ווי קרישטאָל,

און עס נעמט אונדזער מעכטיקע שטאָלענע שווערד,
און פון נידער ביז הימל אַ שטים זיך דערהערט:
„עס איז הייליק דאָס לאַנד! עס איז הייליק די ערד!" —

כ'רייד אַזוי מיטן לאַנד אין די פלאַמען פון קריג:
„דאַרף איך ווערן אין פײַער אין גרעסטן געשיקט
פאַר דײַן ערד, פאַר דײַן הייך, פאַר דײַן זון, פאַר דײַן גליק—

בין איך שוין, בין איך שוין, בין איך טייקעף שוין גרייט,
איך וועל גיין מיט געזאַנג, איך וועל פאַלגן מיט פרייד, —
זאָל זיך שפּרייטן דאָס ליכט אַף דײַן טײַערער ברייט!

אונדזער כּאַיל וואַקסט אויף, נאָך און נאָך קומען אָן.
און מײַן האַרץ איז אין קאַן, און די וועלט איז אין קאַן.
זיגן וועט אונדזער פאָן, — ס'איז גערעכט אונדזער פאָן!"
יוני 1941

מיר געזעגענען זיך

זײַנען געקומען דרײַ דיכטער צו גייען —
צוויי קאָמאַנדירן, איין רויטאַרמייער —
מיט מיר אין מײַן שטוב זיך געזעגענען
פאַרן זיך לאָזן אין וועג אַרײַן.

געווען איז עס זומער, זומער פאַרנאַכט,
און ס'האָט אין דער לופט שוין געעטעמט מיט שלאַכט,
מיט פליִען אין פלאַמיקע טעג אַרײַן.
— לאָמיר זיך, כאַווער, געזעגענען! —

געווען איז דאָס אָונטברויט כאַווריש-פּראָסט,
מיר האָבן אײַנפירן געהויבן אַ טאָסט,

אײַנ פײַערדיק װאָרט בא איטלעכנ:
— שלאָגנ, דערשלאָגנ היטלערנ!

עס גײט שױנ. עס קומט שױנ, אָט איז די מינוט,
װענ לױנ װעט ער קריגנ פאר יאמענ מיט בלוט, —
פאר ברידער, װאָס ער האָט צעמאָלט דאָרטנ,
װעט קײפּל-קיפּלאַים באצאָלט װערנ! —

געקוקט האָט אינ פענצטער א זומער-פארנאכט.
לעמ טיש האָט די ביקס, דער רעװאָלװער געװאכט.
דעמ לאנד, װאָס צו גליק האָט געבױרנ אונדז,
זיגנ — מיר האָבנ געשװױרנ זיך.

און מונטער אונ שטאָלצ איז געװענ דער געמיט,
און יעדער פונ אונדז האָט געלײענט א ליד:
— „צו פרײלעכע פרילינגנ-זומערנ
מיט גרױסנ ניצאָכנ זיך אומקערנ!" —

און כ'האָב זײ באנאכט באגלײט צו דער טיר.
האָט געזאָגט רױטארמײער, געזאָגט קאָמאנדיר:
— װוּהינ ס'זאָל דער קריג ניט פארשלעפּנ אונדז,
אינ פריד און אינ פרײד לאָמיר טרעפנ זיך! —

און הײס זיך צעקושט און די הענט זיך געדריקט.
געװאכט האָט רעװאָלװער, געװאכט האָט די ביקס.
— אפ װעגנ-געשלעגנ אפ גליקלעכע!
שלאָגנ, דערשלאָגנ היטלערנ! —

אינ טיפנ פונ נעכט כ'הער זיך אײַנ און דערהער,
װי זײ יאָגנ אפ פערד, װי זײ האקנ מיט שװערד.
צו דעמ ריזיקנ פעלד, װו זײ שלאָגנ זיך,
כ'װעל יאָגנ, כ'װעל יאָגנ, דעריאָגנ זײ,

און זײַנ כ'װעל מיט זײ אינ די הײליקע טעג,
און זײַנ כ'װעל מיט זײ אינעמ רױש פונ געשלעג,
אינעמ הילכ פונ די שטארקסטע געװיטערנ:
— שלאָגנ, דערשלאָגנ היטלערנ! —

יונ 1941

אומאַניער ריכטונג

גקומען כ'בין אַהין אין אויגוסט-טאָג,
אין איינעם פון די טעג די זוניקסטע און בלויסטע.
כ'בין דורכגעגאַנגען די וואָלגע-שטאָט
ביז צו דעם ברייטן הויף לעם אַלטן קלויסטער.

א יונג האָט מיך באַגעגנט דאָרט,
א דוס א שלאַנקער פון א שטילן יִשעוו
לעם מאָסקווע, — ער האָט זיך דערפרייט, דער יונג,
מיט מאָסקווער גרוסן פרישע:

— איז, זאָגסטו, אַפּן סווערדלאָוו-פּלאַץ,
אין מיטן שטאָט, אין סאַמע מיטן
אַראָפּגעזעצטע ליגן „יונקערס"
און אַראָפּגעהאַקטע ליגן „מעסערשמיטן"?.

און פרויען קוקן אָן, און קינדער קוקן אָן,
און ס'קוקט און קוקט דער אוילעם?..
מיך פרייט צו טרעפן זיך מיט דיר,
א דאַנק, מאָסקוויטש, פאַר גרוסן ווילע!

איך בין דער אָנפירער פון מאַכנע אויסשפּירער.
אויך וויַיטער מירן בלײַבן שכיינים.
וועסט זײַן מיט מיר. וועסט אַרבעטן מיט מיר.
ווילסט זײַן מיט מיר אינאיינעם?

איך הייס ריזשאָוו. ריזשאָוון קען דער גאַנצער פאָלק,
די גאַנצענע דיוויזיע, —
און ער האָט מיר, דער שלאַנקער יונג,
זײַן פערד זײַן פלאַמיקן מיט שטאָלץ באַוויזן.

ער האָט זײַן פערד אַרויסגעפירט אין הויף,
איז אַפּן פערד אַרופגעשפּרונגען
און דורכגעפלויגן ר'איז דעם הויף, די גאַס, —
א יונג פון רוסלאַנדס יונגען

געשריגן האָט צו מיר,
מיט פּאָנעם און מיט אויגן, וואָס באַגײַסטערט פֿלאַמען:
— וועסט זײַן מיט מיר. וועסט אַרבעטן מיט מיר.
דו ווילסט, מיר זאָלן זײַן צוזאַמען? —

און נאָכדעם האָט ריזשאָוו באַפֿוילן הויך:
— אַהערצו די אַרמײיִשע דערנערונג! —
און אָפּגעגעסן כ׳האָב דעם ערשטן סופּ,
און אָפּגעגעסן כ׳האָב דעם ערשטן הערינג.

און צו פֿאַרנאַכט-צו האָט אַ לאַסט-מאַשין געיאָגט מיט אונדז
דורך גאַסן, געסלעך העט־אַמאָליקע.
און נאָענט, נאָענט, נאָענט
האָט אַ שײַן געטאָן די מאַמע — וואָלגע.

עס האָט געטונקלט. פֿון די פּלעצער,
געוואָנדט צו הויכריידערס די אויערן, וואָס האָרכן, האָרכן,
עס האָבן צו אונדז פֿרויען, קינדער, מאַמעס, שוועסטער
מיט די הענט געפּאָכעט.

אויף דער מאַשין, וואָס יאָגט,
געשטאַנען בין איך מיטן רײַטער-יונג אַרומגענומען.
און פּלוצעם זײַנען פֿון די הויכריידער
צו דעם אויער מײַנעם ווערטער צוגעשווומען,

און פּלוצעם זײַנען פֿון די הויכריידער
צו דעם אויער מײַנעם ווערטער צוגעקומען:
— ש ל א כ ט ן א י ן ד ע ר א ו מ א נ י ע ר ד י כ ט ו נ ג!
ש ל א כ ט ן נ ע ב ן א ו מ א ן! —

צו אָט דער לאַסט-מאַשין, צו אָט דעם טײַך,
צו אָט דער גאַס, צו אָט דער אומבאַקאַנטער געגנט —
געקומען בין איך פֿון אַ שטאָט,
ווו ס׳האָט מיט באַמבעס טאָג און נאַכט גערעגנט.

לעם ערד און הימל-הייך אין הילך,
אויף טראָטואַר, וואָס פּיבערט, טאַנצט און פּלאַטערט,

לעמ הויז סטודענטישנ, וואָס ברענט,
לעמ רויכנ אפ רויִנענ פונ טעאטערס,

לעמ לײַבער קינדערשע, צעברעקלטע
אינ אש פונ אופגעריסענע שפּיטאָלנ —
עס האָט דער ווייטעק שטײַפ פארהײַטלט זיכ,
געוואָרנ איז דאָס הארצ א שטאָלנס.

אצינד, אינ וואָלגע-שטאָט, אינ א פארנאכט,
אינ שקיִע-שטראלעכל אינ גאָלדנס
אפ נײַעמ שליאכ מײַנעמ עס האָט דער הויכריידער
מיר נאָכ איינ כמאכ געמאָלדנ,

געמאָלדנ הויכ, אונ קלאָר, אונ שארפ,
א סמאכ אזא מינ, וואָס איז ריזיק-וויכטיק:
— שלאכטנ נעבנ דער געבורטס-שטאָט!
שלאכטנ אינ דער אומאניער ריכטונג!

ש ל א כ ט נ נ ע ב נ ד ע ר ג ע ב ו ר ט ס - ש ט אָ ט!
ש ל א כ ט נ א י נ ד ע ר א ו מ א נ י ע ר ר י כ ט ו נ ג! —
אונ ס׳האָט די לאסט-מאשינ געבראכט אונדז
אינ טיפעניש פונ וואלד געדיכטנ.

אינ גרינער טיפעניש פונ וואלד,
לעמ אוראלטע, לעמ הויכע סאָסנע-רייענ
געטראָפנ כ׳האָב, דערזעענ כ׳האָב
די שטאָלענע, די לעבעדיקע עפּאָפּייע,

אינ שטיבלעכ, בײַדלעכ, בײַדעלעכ,
אונ אונטער הימל ברייטנ, פרײַענ
געעטעמט האָבנ טויזנטער ראסייער זינ
מיט אויגנ כמורנע אונ מיט הילכיקנ קלייזײַענ.

געעטעמט האָבנ טויזנטער ראסייער זינ
פונ אלע נאָענטנ אונ אלע ווײַטנ,
געעטעמט האָבנ טויזנטער ראסייער זינ
מיט צאָרנ, וואָס איז שטײַפ פארהײַטלט.

דערזוען כ'האָב מײַן מילכאָמע-לאגער,
הערצער מיט קאנאָנען און מיט שווערדן —
אין וואלד, לעם גרויסן טײַך דעם רוסישן,
אין וואלד, לעם טײַך דעם טיף-פארקלערטן.

און ס'האָט דער רײַטער-יונג געפירט מיך דורכן וואלד,
מיך דורכגעפירט דורך בערג און טאָלן,
און ס'איז דער רײַטער-יונג ארײַנגעגאנגען מיט מיר
אין א בײַדל, אין א צימער אין א שמאָלן.

אפן טיש און אפ די ווענט —
פון גרויסן לאנד מײַנעם די גרויסע קארטעס.
אין ווינקל — אפ געלעגער הילצערנעם,
אפ ברעטער הארטע —

א כמורנער מענטש, א שטרענגער מענטש,
א כאוועד א העל-האָריקער, —
א כמורנער מענטש, א שטרענגער מענטש,
א קאָמאנדיר א דרײַסיקיאָריקער.

א כמורנער מענטש, א שטרענגער מענטש,
געניטקײַט אומדערמידלעכע פון שלאכטן שווערע, בלוטיקע.
א כמורנער מענטש, א שטרענגער מענטש,
בל'ז אפ א ווײַלע אין די אויגן — פריידיקע גוטמוטיקײַט.

געוועזן א שמועס וועגן שליכעס און היסכײַוועס,
וועגן נאָענטן ארויסטרעט קעגן סוינע,
געוועזן א שמועס וועגן טויזנט ברידער,
וואָס אין וואלד-געדיכטעניש איצט וווינען.

אז ס'האָט דער קאָמאנדיר געפרעגט בא מיר
וועגן שטרעקעס מײַנע אונטער סערפּ און האמער,
וועגן שעטעכן פון לעבן מײַנעם,
וועגן פאָלק מײַנעם, וועגן שטאם מײַנעם,

האָט דער הויכריידער פאר מיר געענטפערט הויך, —
עס האָט א הילך געטאָן אין צימערל אין ציכשיקס:

— שלאכטן נעבן אומאן!
שלאכטן אין דער אומאניער ריכטונג!—

— כאווער קאָמאנדיר,
פון אָט דעם יִשעוו, ווו די הײַזער איצטער פלאמען,
כאווער קאָמאנדיר,
פון אָט דעם יִשעוו שטאם איך! —

און ס'איז געווען אַן אפדערנאכט אַן אויסגעשטערנטער
איבער מאמע-וואָלגע.
און ס'איז געווען אַן אפדערנאכט אַן אויסגעשטערנטער
איבער מײַנע ברידער, איבער מײַנע פאָלקן.

און אין דער לעבעדיקער עפּאָפּייע כ'בין ארײַן
אין יענער נאכט פון צאָפן.
אין דער לעבעדיקער עפּאָפּייע כ'בין ארײַן —
א רינגעלע, א פערז א קלינגענדיקער אין א סטראָפע,

א רינגעלע, א כוואליעכל —
איך בין ארײַן אין צאָרנדיקע שטראָמען,
אין דער לעבעדיקער עפּאָפּייע,
אין דער עפּאָפּייע פון מילכאָמע.

כ'האָב אפן דיל, לעם קאָמאנדיר
און לעם דעם רײַטער-יונג זיך אויסגעצויגן.
נאָר ס'האָט געדעגט, געוועקט, געשלעפט די נאכט,
און כ'האָב ניט צוגעמאכט די אויגן.

און כ'בין אין וואלד אוועק,
אהין, ווו מײַנע טויזנט ברידער, פרײַנט א ווײַלע רוען.
דאָרט לעם די שײַטערס אינעם וואלד
האָט אָנגעהויבן זיך מײַן גרויסער שמועס

מיט מיטגייער, מיט מיטלעבער,
מיט די, וואָס וועלן דורכשפאנען דורך בערג און יאמען,
מיט די, וואָס וועלן מיטגייען מיט מיר
ביז סאמע טויט, אריבער טויט צוזאמען.

עס האָט מיר יעדער איינער וועגן היים זײַנער דערציילט, —
געוועזן דאָרט עלטערע, געוועזן דאָרט יונגע,
נאָר הייס בא אלעמען געווען דאָס הארץ,
און הייס האָט עס בא אלעמען געקלונגען:

— זי איז געבליבן ווײַט, די היים,
ניט מאָרגן, איבערמאָרגן וועלן מיר צו איר צוריקגיין.
מיר דארפֿן קריגן אונדזער היים אפּסנײַ.
מיר דארפֿן, כאוועך, זיגן! —

אין דער געדיכטעניש אין דער באנאכטיקער,
אין וואלד־ווינקל אין ווײַטן,
אין ראָד אין כאווערישער, רויטארמייִשער
כ׳האָב אײַנגעדרימלט נעבן שײַטער.

עס האָט געברענט דער שײַטער שטיל,
ארום האָבן גרויזינער, טאָטערן געדרימלט.
די היים־שטאָט מײַנע כ׳האָב אין טרוים דערזען
אקעגן שטערן פֿון דעם צאָפּנדיקן הימל.

אָט איז זי דאָרט,
אָט איז זי דאָרט, מײַן ווארעמע, מײַן טײַערע,
אין גרינעם ווינקעלע פֿון לאנד ראסיי,
אין דאָרעם־מײַרעוו.

אונטער דער אוקראַיִנישער זון,
מיט אוקראַיִנער גרינס ארומגערינגלט.
איך שפּאַן דאָרטן ביז הײַנט ארום,
און זינג דאָרטן, א יִידיש יִינגל.

עס ברענט מײַן שטאָט.
די סאָנים ליארעמען, די סאָנים שטורעמען...
כ׳האָב אלעמאָל זיך אופגעכאפּט,
און אף די ליפּן מײַנע כ׳האָב געשפּירט א מורמל.

עס ברענט מײַן שטאָט,
כ׳גיי מאָרגן מיט די פֿרײַנט מײַנע אוועק אף דער מילכאָמע.

געשעפּטשעט האָבנ מײַנע ליפּנ שטיל,
די היימ־שטאָט מײַנע אָנגערופנ בא דעמ נאָמענ.

אונ כ׳האָב זיכ צוגעקוקט, זיכ צוגעהערט:
אפ דער ערד — די פרײַנט אינ רעגע-שלאָפ אינ זיסנ.
די ליפּנ זייערע באוועגנ זיכ:
— וויטעבסק... קערטש... זשיטאָמיר... מינסק... טביליסי... —

כ׳האָב ווידער אײַנגעדרימלט אונ דערהערט:
די קינדער פונ מײַנ היימ-שטאָט שרײַענ.
אונ כ׳האָב דערזענ: מײַנ זינגענדיקער גאָרטנ ברענט,
אונ כ׳האָב דערזענ: מײַנ שוועסטער — לייקע — אינעמ פײַער.

— שטיי אופ אונ קומ! —
האָט מיכ געוועקט א רופ א יונג-פארשײַטער.
באגינענ. אונ געשטאנענ איז לעמ מיר
ריזשאָוו דער רײַטער.

אינ יענעמ פרי איכ האָב צומ ערשטנ מאָל
אָנגעטאָנ די בגאָדימ פונ ארמייער.
אז כ׳האָב אינ יענעמ פרי אפ ברייטער לאָנקע זיכ אוועקגעשטעלט
מיט טויזנט פרײַנט ראסייער,

אז כ׳האָב אפ ברייטער לאָנקע זיכ אינ ריי אוועקגעשטעלט
אינ קאָמאנדירישע, אינ פרישע קליידער,
מיט יונגענ פונ מײַנ פאָלק, מיט יונגענ פונ מײַנ לאנד,
צו שווערע הארציקער, צומ טיפנ ניידער —

עס האָט דער הויכריידער פונ סאָסנע-בוימ באמ לאָנקע־זוימ
אפסנײַ געמאָלדנ — מיר, דער געגנט, אלע פלאמיקע ארומענ:
— שלאכטנ אינ דער אומאניער ריכטונג!
שלאכטנ לעבנ אומאנ!

האַרבסט 1941

אין אַ הויכן האַרבסט, אין דער פּעלדישער, אין דער ברײטער אָפּנקײַט
מיט אַ גרויסן קאַנט מיט אַ רוסישן, מיט אַ שײנעם צאָפּן-קאַנט,
מיט מיליאָנען לײַט בין איך ווײַט פאַרגאַנ זיך באַטײליקן
אין דער שלאַכט דער ריזיקער, אינעם קריג דעם הײליקן.

מיט נעשאָמע זינגענדיקער און מיט גרינגן גוף
נאָכן ערשטן רוף
בין איך אויף,
אין מילכאָמע מײַנער, אין מילכאָמע דײַנער האָב איך זיך אוועקגעלאָזט.

און מײַן היים איז שײן,
און מײַן ערד איז רײַך,
און מײַן וועלט איז ברעגנלאָז.
נאָר ס'האָט דעם פרײַען וועג
מיט יאַמען בלוט, מיט טויט פאַרצאַמט,
ס'האָט די לופט די לויטערע אויף דער ערד
פאַרסאַמט
אַ קאַט אַן אײַזערנער, אַ צעבושעוועטער כאַם.
ס'איז מײַן שטאָט אין פײַער.
ס'איז מײַן סאָד אין פלאַם.
און טאַטעס, זײדעס, זין —
אין ברידער-גרוב צונויפגעפלאָכטענע,
און מאַמעס, שוועסטער —
אין דער ברענענדיקער שטוב געשענדעטע, געשאָכטענע.
מײַנע אײגענע —
אין יאַר געפּײַניקטע, געפאַנגענע,
אויפן שטאַנג אינמיטן פעלד,
אין שכיטע-פעלד געהאַנגענע.
און קינדער —
אונטער טאַנקען-רעדער דורכגעטריבענע,
קינדערלעך,
אויף שטויב צעריבענע.

וועסטו, האַרץ מײַנס, וויסן פון געזאַנגענע נאָך?
וועסטו, האַרץ מײַנס, ליבן, ליבן נאָך?

עס האָט דערווילדער וואָלף פון אוראַלטן, פון שוואַרצן וואַלד
פאַרקליידט זיך אין אַ מענטש־געשטאַלט,
עס האָט דער שעד דער גרויזאַמער, דער פּײַנט פון שאָפּנדיקער ליכט
זיך אָנגעטאָן אַ מענטש־געזיכט.
אָט איז ער!
אָט איז ער!
אָט איז ער!
מיט באָמבעס אים!
מיט קוילן אים!
מיט שפּיזן!
שטעך דעם וואָלף! טויט דעם שוואַרצן טײַוול!
זײַן געדעכעניש זאָל ניט פאַרבלײַבן!

און יעדע אָפּגעבערענטע גאַס
בלײַבט אין האַרצן אַ באַרג מיט האַס.
און יעדער אָפּגעבערענטער גאָרן
בלײַבט אין האַרצן אַ באַרג מיט צאָרן.

פאַרן בלוט, פאַרן אומשולדיק בלוט,
פאַר דער רוט, פאַר דער בלײַערנער רוט
באַצאָלן אים גוט,
באַצאָלן יעדע מינוט, יעדע מינוט!..

איבער פעלד, איבער באַרג, איבער דאָרף, איבער שטאָט
מיט פלאַמיקע אויסיִעס איינ גרויסער געבאָט:
— אין קלעמענ אים פאַקן! פאַר אַלע פאַרשוועכטע פרילינגג —
ניט שוינען דעם סוינע! פאַרטיליק אים!.. —

ביז ס׳וועט ניט ווערן אוועקגעשטעלט
די העכסטע טליִע אינמיטן וועלט,
ביז ס׳וועט ניט באַלוינען דעם סוינע דער שטריק,
ביז ס׳וועט דער סוינע ניט ווערן דערשטיקט,
ביז ס׳וועט ניט אופגיין דאָס ציכטיקע גליק,
ביז ס׳וועלן די קינדערלעך פון מײַן שטאָט,
אַרום דעם פּײַנט, וואָס הענגט אַפן שטאַנג,
ניט טאַנצן אין פריילעכן קאַראַהאָד,
ניט טאַנצן מיט פּליעסקעניש און געזאַנג,
ביז דאַן —

נעמ איכ די האנט פונ מײַנ ביקס,
דעמ פינגער פונ מײַנ נאגאנ
ניט צו,
ביז דאנ
וויל מײַנ הארצ ניט וויסנ קײנ רו.

אונ דו, ברודער טײַערער, דו?

זאָל אופשטײנ יעדערער, וואָס אופשטײנ קאָנ אונ באשטראָפנ קאָנ!
זאָל דאָס וואָפנ טאָג, וואָס דאָס וואָפנ קאָנ!

מיט א גרויסנ קאנט מיט א רוסישנ, מיט א שײנעמ צאָפנ-קאנט
פארלאָזט כ׳האָב פרוי אונ קינד,
פארלאָזט דאָס הײמישע געצעלט
אונ בינ אוועק אינ שטורעמדיקנ ווינט
אונעמ ברײטנ פעלד
זיכ אינ דײ אינ רויטארמײישער געשטעלט:

— מיט טויזנט יאמענ פינצטערניש
שפאנט איר, שווארצע הונען.
אונ מיר — געווינענ וועלנ מיר
הונדערט טויזנט זונענ.
לענינס פאָנ איז איבער אונדז,
סטאלינס פאָנ איז איבער אונדז —
הונדערט טויזנט זונענ.

דורכ די פעלדער, דורכ די יארנ שפאנענ מיר, טרעטנ מיר,
אונ דאָס געווער קלינגט,
אונ דאָס געווער זינגט:
— זאָל מענ קאָנענ לעבנ,
זאָל מענ קאָנענ ליבנ,
זאָל מענ קאָנענ עטעמענ!

ווערסט, ווילדער סוינע, אײַנעמענ
א מיסע מעשונע!
לענינס פאָנ איז איבער אונדז,
סטאלינס פאָנ איז איבער אונדז —
הונדערט טויזנט זונענ!

אין וואלד

אין שניי — דער אופשײַן פון דער זון.
אין שניי — דער זון-פארגאנג.
שוין לאנג, שוין לאנג, שוין זייער לאנג —
א כוידעש, צי א יאָר, צי א יאָרהונדערט? —
מיר האָבן שוין פארגעסן, וויפל טעג מיר וווינען שוין
אין וואלד פארשאָטענעם, אין וואלד קאדמויניש.

פון קליינלעכס און געוויינלעכס אָפּגעזונדערט,
פון קליינלעכס און געוויינלעכס אָפּגעשיידט,
צום טרעפן אויג אפּ אויג דעם סוינע,
צום טרעפן אויג פאר אויג דעם סוינע
גרייט —
מיר האקן סאָסנעס אינעם וואלד,
מיר גראָבן ערדשטיבער —
אין באָדן קרירעדיקן — טונקעלע געצעלטן.

אפּ סאָסנעס און אפּ אונדז עס שנייט און שנייט,
און מיטאמאָל א נעם גיבן די שטארקע קעלטן.
פון אלעס און פון אלעמען דערווײַטערט,
ווי נעזירים, דורכגעווייטעקט, אויסגעלײַטערט,
מיר טאָגן און מיר נעכטיקן לעם גרויסע שײַטערס.

און שטרענג דאָס הארץ און כמארנע איז דער קוק.

גיט מען זיך צום פלאם א רוק —
גיט דער פלאם א ברען ס׳געזיכט, די ברוסט, די קני.
גיט מען זיך פון פלאם א רוק —
גיט דער פראָסט א שנײַד, א ברי, א גלי.

א יאָר, צי א יאָרהונדערט, צי א כוידעש?
און נאָענט איז דער פײַנט.
און נאָענט איז די שלאכט.
און נאָענט איז דער טויט דאָ.

אין שניי צום אופגאנג גרויט.
אין שניי די שקיִע — פלאקער-רויט.

אין שניי — דער טראָט. אין שניי — דאָס בעט. אין שניי — דאָס ברויט.
און ס'איז פארהארטעוועט דאָס הארצ פונקט ווי די הויט:
מיט טויט מיר דארפנ איַינבערעכנ דעמ טויט.

ווער זיַינענ מיר? באמ לאנד — די פריַיע היטער.
ווער זיַינענ מיר? באמ פאָלק — די טריַיע ריטער.
ווער זיַינענ מיר? די שאָמרימ פונ די שענסטע גיטער.
זיַי פעסטער, פוס! זיַי, האנט, גענײטער!
פארשטיַיפ זיך, ליַיב, אינ פלאמ-געוויטער!

שוינ נאָענט דער געשלעג, שוינ גיך, שוינ גיך.
מיר זיַינענ לעבעדיקע, וואָס געהערנ שוינ ניט זיך.
דאָס ליכט פונ גרענעצ וועלט און טיפ-נעשאָמעדיקנ פליכט
דורך כמארעס פונ די אויגנ שלאָגט אדורך.
שוינ נאָענט דער געשלעג. גאָר נאָענט איז דער סוינע שוינ.
יאָג דורך די גאנצע וועלט און זוך מיך, זוך, —
וועסט ניט געפינענ מיך: איך לעב אינ וואלד קאדמויניש.
כ'בינ טעג און נעכט א רינגל אינ א גרויסער וועכטערישער קייט.
אינ שניי די זונ גייט אופ. אינ שניי די זונ פארגייט.
אפ סאָסנעס און אפ אונדז עס שנייט און שנייט.
אפ סאָסנעס און אפ אונדז, אפ אונדזער שטאָלצנ פריַי גיינ
אקעגנ טויט, אפ אונדזער מעכטיק שוויַיגנ.

כ'האָב שטילקיַיט ליב און ווערטער כ'ווייס א סאך.
דאָ האָב איך אויסגעלערנט זיך די שיינע שפראך
פונ ליַיב, פונ הארצ, וואָס גרייט איז אומצוקומענ,
די שפראך פונ לעצטנ שוויַיגנ און פונ לעצטנ שטומענ.

שוינ נאָענט דער געשלעג. גאָר נאָענט איז דאָס בלוט דאָ.

קאַיאָר אפ שטעג פארהורבעטנ א מענטש א סאָסנע שלעפט.
— וואָס מאכט מענ, פריַינט? — דערוויַיל מע לעבט.
ווער ווייסט, צי וועט מענ מאָרגנ לעבנ, ברודער.
נאָר כ'וועל דאָס לאנד ניט אָפגעבנ צו שפאָט און שאנד.
דו זעסט מיַינ האנט? אנ איַיזערנע — די האנט! —

אפ בארג און טאָל,
אפ סאָסנעס און אפ יעלנ

די קרירע מאָלט
גרויסארטיקע געמעלן,
די קעלט
טוט אָן די וועלט
אין דימענטן, אין קרעלן.

אינצווייען קוקן מיר דעם שנייען-וואלד
פון אונדזער שוועל אָן:
— נו, זאָג אליין: ניט שיין?
ס'איז דיר געפעלן? —

א מעסט די ווײַסע פראכט
מיט שטרענגן אויג, מיט אויג מיט הארבן:
— ס'איז זייער שיין.
נאָר מיר זײַנען אהער געקומען גרייט זײַן אויך צום שטארבן.
ביזן טויט, פארן טויט
צעברעכן וועל איך היטלערן דעם שארבן! —

מע וועט אמאָל מיך אופוועקן פונעם שלאָף דעם טיפסטן,
פונעם שלאָף דעם זיסטן.
מע וועט מיך פרעגן: — זאָג אונדז, וואָס געדענקסטו? —
כ'וועל אָנרופן די טעג די שטרענגסטע,
די שטומעניש פון פופצן טויזנט קריגער-אירע
פאר דער שלאכט, אין וואלד, אין ברענענדיקער קרירע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין ערדשטיבל אין טונקלעך — צוואנציק הילצערנע געלעגערס.
און דער באפעל דארף אָנקומען. שוין גיך, אָט — נאָך א רעגע.

ער יאָגט מיסטאמ שוין אף א פערד א היציקן, א בליציקן אין וואלד,
ס'איז נאכט. ער וועט באלד אָנקומען. אָט באלד, אָט באלד
וועט זיך אן עפן טאָג און ס'וועט א קלאפּ געבן דאָס טירל.
ס'וועט דער באפעל ארײַן און אונדז אוועקפירן אין קרירע.

אין ערדשטיבל אין טונקלעך — צוואנציק קאָמאנדירן.
מיר האָבן שוין פארפאקעוועט די פעק.
מיר האָבן זיך שוין צוגעגרייט צום וועג.
מיר זיצן שווײַגנדיק, א בינטל ברידער.

אין אויגן — די געזעגעניש, די פעסטקייט און דער ווידוי,
דער פּאָכע מיט דער האַנט צו ווײַט, צו ווײַב, צו קינדער.

מײַן שאָכן, דער ראַדיסטן-אָנפירער, דער פריילעכער דערפינדער
(כ'האָב ליב צו זען, ווי אין דער טיף פון וואַלד אוועקגעטראָטן,
ער האָט צו טאָג, דער בעריע, מיט די מאַשינעריעס, מיט די דראָטן,
באַם פּאָלק מײַנעם — דער קלאַנגענפאַנגער און דער וועלט-פאַרבינדער),
מײַן שאָכן, דער ראַדיסטן-אָנפירער, דער פריילעכער דערפינדער
זאָגט שטיל צו מיר אַזוי:

— כ'האָב אָנגעזאָגט דער פרוי:
ווילסט האָפן — האָף.
כ'וועל זיך ניט אומקערן ביזן סאַמע סאָף.
כ'וועל זיך ניט אומקערן, ביז ס'וועט דער פֿײַנט ניט זײַן באַשטראָפט.
און אויב כ'וועל בלײַבן ערגעץ ליגן מיט צעהאַקטן קאָפּ,
דו עס זיך, ליבינקע, דאָס האַרץ ניט אָפּ.
ווײַזט אויס, באַשערט אַזוי מיר. זאָלסט ניט דײַגען! —

און מיטאַמאָל גיט דער ראַדיסטן-אָנפירער אַ שפּרונג:
— ביזוואַנען וועלן מיר דאָ זיצן אָט-אַזוי און שווײַגן?
זאָל פריילעך זײַן! זאָל זײַן געזונגען!
זאָל דאָ אַ שפּריץ געבן מיט קויעך יונגען!
זאָל פריילעך זײַן! — און אויבן, אויבן, אויבן-אָן
עס ווערט אוועקגעשטעלט דער פּאַטעפאָן.

די הערצער וואַכן אויף, און שמייכלען זיך צעפינקלען
אין אַלע פּענעמער, אין אַלע ווינקלען.

און עס צעקלינגט מײַן לאַנד זיך מיט דער העלסטער העלקייט.
און עס צעזינגען זיך אין לאַנד מײַנעם די פעלקער.

אוקראַינע זינגט. ס'זינגט טורקעסטאַן. און ס'זינגט קאַווקאַז.
זאָל, פֿײַנט, דיך פּלעטן אונדזער פרייד, ווי אונדזער האַס!

ס'קלינגט שפּאַס. און יונגקייט טאַנצט. און ס'הילכט געלעכטער.
אין סאָד, אין קאַראַהאָד עס שפּילן בלײַענדיקע טעכטער.

ס'וועט פאַלן, סוינע, אונטער קראַפט פון אונדזער שיינקייט
די פרעכקייט דײַנע, דײַן פאַרבלוטיקטקייט און דײַן געמיינקייט!

איך זיץ פּאַרטראַכט אין ווינקל, לעם דער וואַנט.
גייט איינער צו און זאָגט מיר: — מוזיקאַנט!
וואָס זיצסטו עס אַזוי פאַרומערט, ליבער?
עס האָט דיר עפּעס, טײַערער, דאָס האַרץ פאַרגליווערט? —

און פּלוצעם — פּלוצעם — מיטאַמאָל —
קלאַנגען קענטלעכע, אַ קענטלעכן קאָל.
קלאַנגען-זילבער, קלאַנגען-גאָלד.
ס'ווערט ליכטיקער אין ערדשטיבל און אויפגעריכט די שאָ איז.

מיכאָעלס זינגט? עס זינגט מיכאָעלס?

עס זינגט מיכאָעלס אינעם וואַלד, אין ערדשטיבל דעם ניגון
פון פאָלק מײַנעם, פון קינדהײַט מײַנער, פון מײַן וויגל.

ס'זאָל מיר ניט שווער זײַן, ס'זאָל מיר אָפּן דאָרנדיקן וועג ניט ווי טאָן,
עס איז מײַן פאָלק געקומען זיך געזעגענען און מיך באַגלייטן.

אַ וועסנע ברייט צעשפּרייט זיך, און דער הימל בלאָ איז.
מיכאָעלס זינגט, עס זינגט מיכאָעלס.

פון ווײַט, פון ווײַט,
פון גאָר דער פריִערדיקער צײַט,
פון גאָר דער פריִערדיקער איידע,
פון שײַטערס פלאַמענדיקע
און פון געגעמדיקע ליידן
געקומען איז אין טונקלען ערדשטיבל
מײַן גראָוער זיידע,
דאָ, פאַרן וועג מײַנעם מיט מיר אַ רעגע ריידן.
דער שטאָלץ פון פאָלק מײַנעם מיט מיר אָט-דאָ, אָט-דאָ איז.
מיכאָעלס זינגט. עס זינגט מיכאָעלס.

עס יאָמערט ירמיע,
און ס'גייט מיט דונערן אַדורך די וועלט ישעיע.
און קינדער טאַנצן אינעם ראַטנלאַנד,
קינדער לעבעדיקע, קינדער פרײַע.
און ווייטעק שרײַט, און צאָרן גליט.
און גיבער־קראַפט שפּאַנט אָפּגרונטן אַריבער מיט אַ ליד.

עס שטורעמט מוט פון מוירדים, און אין בלוט קומט אום די צניעס.
עס שטומען גרויסע בערג פון קדושים אף די בערג אף קיעווס.
און ס׳פרעסן, פרעסן און צעזעצט ווערן די כיַיעס ראָעס.
און ס׳קומט די אויסלייזונג, ס׳קומט דאָס געצאָלטס.
און ווידער הויכ מיין פאָלק איז, ווידער שטאָלצ.
מיכאָעלס זינגט. עס זינגט מיכאָעלס.

און ווידער טאנצן פרײַע קינדער אף די ליבע פלעצער,
אין די שיינע גערטנער אונטער רויטן שטערן...

— זעצט איבער, כאוועך איבערזעצער... —
זעצ איך איבער, און די רויטע קאָמאנדירן הערן.

און אף שטעג פארהורבעטן לעמ טיר צעסקריפעט זיכ דער טראָט.
און ס׳גיט אן עפן זיכ די טיר, און ס׳גיט דער שניי א שאָט.
ס׳פליט דער באפעל ארײַן און גיט א שרײַ, א רופ, א הייב, א וועק:
— אין וועג ארײַן! אין גרויסן וועג!
— В поход! —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מע גייט. מע גייט. מע גייט.
מע גייט דורכ שטעכיקן מעסלעס.

מע גייט. מע גייט. מע גייט.
מע גייט דורכ שנייען און דורכ פרעסט.

מע גייט, מע גייט. מע גייט,
די ליפן שטײַף צונויפגעפרעסט.

מע גייט. מע גייט. מע גייט.
מיט לײַב פארפאנצערטן די ראכוועסן מע מעסט.

מע גייט. מע גייט. מע גייט.
מע גייט פארטיליקן די שווארצע געסט!

מע גייט. מע גייט. מע גייט.
דאָס הארצ פארפאנצערט איז. דער טראָט איז פעסט.

און ס׳קוקן וועלדער אורעלטע, ווי מיר פארבײַגיי׳ן.
און פאָכען אף די קעפ אף אונדזערע מיט די פארשנייטע צווײַגן.

און פערל שיטן זיך אַף אונדז, אַף אונדזער טריט גייען
אַקעגן טויט, אַף אונדזער מעכטיק שווייגן.

און ס'גייט מײַן פֿאָלק מיט מיר: — איך האָב דיך אויסגעכאָוועט
און קלאָגנדע דיר געשענקט. פֿון פֿרי ביז אָוונט,
פֿון אָוונט און ביז פֿרי איך בין מיט דיר, מיט דיר, מיט דיר,
ס'זאָל דיך דער בייזער פֿײַנט ניט טאָן קיין ליד,
ניט האָבן זאָל אַף דיר דער טויט קיין שליטע.
איך גיי מיט דיר און כ'וועל דיך היטן, היטן. —

און ברידער לאַנג־פֿאַרשטאָרבענע און פֿרײַנט אָט־ערשט געטייטע
פֿון ווינטער־צווינטערס שטייען אוף און גייען מיך באַגלייטן.

עס שיט זיך שניי אַף קאָפּ מײַנעם, און, דאַכט זיך, עס איז פערל.
עס שיט זיך שניי אַף קאָפּ מײַנעם, און, דאַכט זיך, עס איז טרערן.

און לעבן ווערט מיר גרינג, און שפּאַנען איז מיר גרינג.
אין ווײַט — אַ וועסנע זיך צעשפּרייט. דער הימל בלאָ איז, בלאָ איז.
מיכאָעלס זינגט.
עס זינגט מיכאָעלס.

מיטן פֿאָלק

איך שפּאַן אַדורך די ברייטע און די טיפע קאַנטן
מיט יונגינקע, מיט שמייכלענדיקע לייטענאַנטן
און מיט מאַיאָרן — מיט באַיאָרטע מענער.
און אַז אינמיטן גאַנג, אינמיטן וועג —
— ווער בין איך — גיבן זיי באַ מיר אַ פֿרעג —
— אַ דיכטער?
— Это ценно... Это очень ценно...

און אַז פּאָשעטע און פּראָסטע לײַט,
וואָס גייען דורך די וועלדער קעגן ווילדן דײַטש,
אַרבעטער פֿון ווײַטסטע שטעט,
פּויערים פֿון פֿאָלק, אין וועלכן כ'דין,

פרעגן מיך פונוואנן און ווער און וואָס איך בין —
גיבן זיי מיט אויגן מיך א גלעט,
ווי פּאָשעטע און פּראָסטע מענטשן קענען:
— א פּאָעט?

— Это ценно... Это очень ценно...

און אז אין שלאכט אַפּ שליאך מיכײַלאָווער דער פּראָסט מיך פּלעט
און רויטארמייער — גוטע זין פון מײַן מעדינע —
אין שניי א גויסעס מיך געפינען, —
זיי טראָגן מיך ארויס פון פײַער,
ווי ברידער ווי געטרײַע.
זיי טראָגן דורך מיך אַפּ די אקסלען דורך א מינענפעלד,
זיי ברענגען מיך אַפּ אקסלען אין א פּויעריש געצעלט
און גיבן מיך די וויינענדיקע פרויען איבער,
און זאָגן שטרענג, מיט טרויער און מיט ליבע:
— זעט!
גיט אכטונג, היט אים אָפּ!
א פּאָעט...

— Это ценно... Это очень ценно...

און גיבן כאווערישע א לאשטשע מיר דעם קאָפּ,
און גיי'ן אוועק צוריק אין טיפער נאכט,
אין שלאכט,
צו גאָר די ראכוועסן, וואָס ברענען.

א שליטן פליט. מיט רעדנעס צוגעדעקט, כ'ליג שטום.
דער סוינע מיך באפאלט מיט קנאלנדיקע פײַערן פון געגעם.
נאָר ס'נעמען הענט מיך גוטע, ווארעמע ארום,
און עמעצ שעפּטשעט שטיל,
און עמעצ שעפּטשעט מילד:
— א דיכטער...
עס איז ווערטפול...
— Это ценно... Это очень ценно...

היים אפֿן שלאַכטפֿעלד

אין דורכמאַרש הונדערטמײַליקן, צי אינעם שלאָפֿלאָז אַף די האַרטע נאַרעס,
צי הייבט אונדז סימכע, צי פֿאַרקריצט די ציין דער צאַר אונדז,
אין קייט אין אויסגעצויגענער מיט פֿײַלנבויגנדיקע רײַטער,
אין וואַלד אין ווײַס־פֿאַרשאָטענעם, אין הורבעס נעבן שײַטער,
אַף די דילן אין די כורוועס, אונטער וואָגלענדיקער, האָגלענדיקער איימע,
אונטער פֿײַער, וואָס צערײַסט, צעשמײַסט, צעבלוטיקט און צעמיימעסט,
אַריבער האַלדז אין זאַמדן און אין שליים,
מיט קאָפּ פֿאַרגראָבענעם אין זינקענדיקן ליים,
אַף שטרעקעס אָפֿענע און אין פֿאַרבאָרגסטן געהיים,
פֿון זעלנער־צוג —
אַ קוק,
פֿון מיטן דעם געשלעג —
אַ פֿרעג:

— אוי, דו, מיט שענסטן און מיט טײַערסטן גערײמט,
ווער ביסטו, פֿאָטערלאַנד? ווער ביסטו, היים? —

דו ביסט אַלצדינג, וואָס קלינגט דאָ און וואָס שטומט.
ביסט יעדער שטיינדעלע אַרום.
ביסט אין דער ווײַט דער פֿינקלענדיקער גוטער סימען.
דו ביסט דער גאָרטן און דו ביסט דער הימל.

דו ביסט אין דאָרף אין ליידיקן אַ באָרוועס ייִנגל אַ רוסיאַווע.
לעם מיר, לעם אַקסל מײַנעם ביסט דער כאַווער, —
פֿון פֿײַנעם שטאָפּ געהאָפּטן און געבויט,
ער גייט מיט מיר אַף טויט, דורכ טויט, אַקעגן טויט.

דו ביסט די טווע אינעם פֿעלד, דאָס קינד אין קלעמענדיקן פֿלאָנט,
דו ביסט דער שווײַגנדיקער וואַלד באַם האָריזאָנט,
דו ביסט די קלאָרע וואָר, דו ביסט דער טיפֿער טרוים,
דו ביסט די זילבער־ריטשקע נעבן וועג, באַם זוים.

דו ביסט אין ייִשעוו האַרבסטיקן אַף אַש און אַף טיל־טעל
אַ זקיינע אַף אַ גאַנעק, — לעם דער שוועל
זי שטייט און קוקט און שטייט,
מיט טרערן אין די אויגן אונדז באַגלייט.

מיר גייען שטאָלצע, פֿריילעכע און גרינגע.

מיר גייען שטאָלצע, פריילעכע — און זינגען.
נאָר ס'ווייסט די מאַמע: מיר אהין, אהין גיין,
נאָר זי ווייסט אירס: אין פלאַקער-פײַער אירע זין גיין.

— אוי, זאָל ניט טרעפן אונדז קיין קויל,
אוי, זאָל אין פעלדער-הויל
קיין באָמבע אונדז ניט אויסרײַסן דאָס מויל.
אוי, זאָל אין וועלדער-וויסט ניט פּיקן אונדז קיין ווילדער פויגל... —
זי שטייט און קוקט מיט טרערן אין די אויגן.

ביסט, היים, לעם זאַנגען אופגעגאַנגענע א שלאַנקע פויערטע,
א שטרענג-פּאַרקלערטע, א פאַרטרויערטע.
דאָס פּאָנעם — כמורנע, און די אויגן — גרויס,
זי שטייט באַם ברעג פון פעלד פאַרנאַכט.
זי שרײַט, זי פּאַטשט מיטן פויסט,
ווען ס'גייט אדורך מײַן מאַכנע אפן שליאַך:

— שלאָגט די סאָנים! אָן ראַכמאָנעס שלאָגט!
פּלעט זיי און צעטרעט זיי און צעבראָקט! —

און קריג מיט וואַסער לויטערן זי ברענגט אונדז,
און קווייטן פרישע פונעם סאָד זי שענקט אונדז.
מײַן היים, ביסט א קאָלווירטניצע א יונגע, א פאַרבענקטע.

דו ביסט א שטילע פאָדערונג און ביסט א האַרבער רוף,
דו ביסט די קוויקנדיקע לופט,
אף די סטעפּן שעפּ איך דיך און שעפּ.
ביסט יעדער רעגעלע, מיט בלוט, אין בלוט אדורכגעלעבט.

ווען אַלעס גליט, ווען אַלעס זידט, ווען אַלעס ברענט דאָ —
דו שטייסט אָן שלייערן, און שאַרף, און גאַנץ, און בלענדיק,
ווי דאַן, ווען ס'הייבט זיך לעבן אָן, ווען לעבן זיך פאַרענדיקט,
ווי דאַן, ווען מ'הענגט מיט גאָר דער וואָר
אף שפּינוועבס-דינער, דינער האָר,
ווען אין די פאַלדן פונעם באַרג, ווען אין די שפּאַלטן פונעם פּלויט,
ווען אין די קנייטשן אף דער הויט
עס וועגט דער גורל:
— טויט אָדער רויט...
טויט אָדער רויט...
געבוירן צי פאַרלוירן...

דו ביסט דער שטעכ,
ווי מיט מיר מיליאָנען טרעטן
הויכ איבער אָפּגרונט, אפּ צעוויגטע ברעטער
אקעגן מײַלער פון קאנאָנען,
אקעגן אויגן, וואָלפיש אָנגעצונדענע, פון סאָנים,

ביסט ער און ער, און ער, און איכ —
אונטער דעם גערעכטיקן געריכט
פון גאָר דעם קומענדיקן ליכט.

דו ביסט דער אָנזאָג: קיינמאָל, קיינמאָל ווערן מאט.
ביסט דער באפעל: אדורכגייען די ערד, ווי א סאָלדאט,
אדורכגייען די ערד אפּ דורכ און דורכ
און איבערבלײַבן נאָר אן עטעמל, א לײַכטער שפור.

איכ האָב געזען, ווי ברידער-קריגער קוקן אום זיכ צו דער ווײַט.
דײַנע פינגער זענען זיי, דײַנע פינגער טײַט:

— דורכ שטורעם-ווינט, דורכ פעלדזן, דורכ געפּלאצטער בריק,
דורכ הוילעניש, דורכ גרוילעניש און דורכ פארסאמטע קוילן —
גיי און זיג!
עס האָט די ערד אזוי באפוילן!
עס האָט די צײַט אזוי באפוילן!
דו אליינ האָסט זיכ אזוי באפוילן!
די זון די גאָלדענע פון ענג-געפּענגעניש דו ברענג צוריק!
גיי און זיג! —

ביסט, היימ, א ברעקל ערד, פיר ווענטלעכ מיט א דאכ
(עס איז דער קריגער דאָרט אמאָל, אמאָל געוועזן),
דאָרט גייען אום באטאָג, באנאכט
לעבעדיקע טיילן פונעם קריגערס וועזן.
מע הערט דאָרט צו זיכ צו זײַן ווײַטן שפּאנען
(ר'איז ווײַט, ר'איז לעמ די האָרע-כוישעכ, נאָר ער איז פאראנען),
מע הערט דאָרטן, מע קוקט דאָרטן, מע שפּירט
נאָכ זײַן יעדן ריר.
פון פרי ביז שפּעט
מע שעפּטשעט דאָרט, מע בעט:

— לעב און זיג, ליבער!
טײַערער! העלד! גיבער!
לעב און זיג פאַר זיך, פאַר מיר, פאַר אונדז,
טאַטע, נאָענטער, ברודער, זון! —

באַנאַכט, אין פראָסט, נאָך מײַלן שניי,
אין דער מאַכנע, אינדערמיטן ריי,
אינדערמיטן שפּאַנען איבער גרוב און גרוב און גרוב
דערזעט דער קריגער מיטאַמאָל א פײַערל אין ווײַטן, אין א שטוב,
א פײַערל אין שניי, אין נאַכט.

דעם קריגער דאַכט:
די שטוב איז שײַנען —
די שטוב איז זײַנע.
ער וועט אָנקלאַפּן אין פענצטער אַף די ווײַסע סטעפּן,
וועט די אייגענע, די לאַנג שוין ניט געזעענע, די טיר אים טאָן אַן עפן,
און ווארעמקייט וועט אים ארומנעמען — אייגענע, טײַערע.
דער קריגער גייט צו זײַן שטוב, צו זײַן ווארעמקייט, צו זײַן פײַערל.

ביסט, היים, א ברעקל ערד, ווו מ׳האָט אַמאָל די אויגן אופגעעפנט,
פונוואַנען מ׳איז אַמאָל אַוועק אין וועלט, די וועלט צו שעפּן,
פונוואַנען מ׳איז אַמאָל אַוועקגעגאַנגען
עטעמען און זוכן און זיך ראַנגלען,
עטעמען און דאָס גליק צו פאַנגען.

דו ביסט דאָס וואָרט דאָס ערשטע און דער ערשטער בלוי,
אין ערשטן פרילינג־סאָד די ערשטע פרילינג־פרוי.
ביסט דער געוויין דער ערשטער, אויסבאַהאַלטן, אין דער שטיל.
דו ביסט דער ערשטער שמייכל און די ערשטע שפּיל.

אין גאַנג אין פײַערדיקן אונטער זון און שטערן,
אין גאַנג אין פלאַמיקן אַף קיינמאָל זיך ניט אומצוקערן,
אין גאַנג דורך שטאָך און בראַך און בלוט, וואָס שטראָמט פון ווונדן, —
דו ביסט פאַר אויגן, צוגעשלאָסענע אינמיטן גאַנג אַף א סעקונדע —
רינגעלעך, טאַנצנדיקע בלויע רינגעלעך,
ווי דאַן, ווען מ׳איז געווען א יינגעלע,
אַן אומשולדיק צעניאָריק יינגעלע...

בלויז אומלײַט אָן אן אָפּשטאם, בלויז פארקרימטע און פארדאָרבענע,
בלויז װוּרעמדיקע, נידעריקע, קלײנטשיקע
װײסן פון קײן צאָרן, פון קײן ראנגל, פון קײן קאָרבן ניט
פאר דיר, אײן-אײנציקע.

מיליאָנען ברידער — לעבעדיק און יונג און פריש —
האָבן שוין אָפּ אײביק זיך מיט דיר פארמישט.

און טאָג און נאכט עס הילכט די טופּעניש אין סטעפּ.
מיליאָנען לעבעדיקע גיבן אָפּ פאר דיר די קעפּ,
ס׳לעבן ס׳אײנציקע פאר דיר, אײן-אײנציקע.

באם האָריזאָנט — דער לױן:
דאָס בליִענדיקע פעלד, דער קלינגענדיקער בוים.

מיט פענעמער מיט שײַנענדיקע, פול מיט פרײדן,
עס װעלן דײַנע זין די װוּילע שפאנען קרעפטיק.
װי עס באהעפט א יונג זיך מיט א מײדל,
עס װעלן זיך די זין דײַנע מיט דיר באהעפטן.
1942

מײַן באַריכט

I

װעט איר מיך אַרומרינגלען אין ענגן כאַװערישן קרײַז,
איך זאָל אײַך אַלעס, אַלעס װעגן זיך דערצײלן.
יאָ, פרײַנט. איך האָב מיט זיך געבראַכט אַ װעלט מיט נײַס,
עס איז מיר שװער אין אָט דער אשרעס אױסצװײלן.
ס'האָט מיך די ערד מיט גרױל און העלדישקײַט געשפּײַזט,
און יעדער ברעקעלע איז מיר טײַער, הײליק.
ס'האָט יעדער פּינטעלע אין האַרצן זיך אַרײַנגעשניטן גוט,
װײַל יעדער פּינטעלע איז מענטש און שלאַכט און העלדנטאַט און בלוט.

II

שױן באַלד צװײ יאָר, אַז איך האָב אײַך פאַרלאָזט.
ס'האָט מיך, ס'האָט אײַך אין גאָר דער װײַט פאַרטריבן.
כ'װעל אײַך, כאַװײרים, זאָגן אָפּריכטיק און פּראָסט:
כ'האָב אײַך דערמאָנט, כ'האָב אײַך דערמאָנט מיט ליבע.
כ'בין דורכגעגאַנגען דורך טױט, דורך פײַערן, דורך פראָסט,
און איר זײַנט דאָך מײַן אײנציקער, מײַן באַשערטער קיבעץ.
כ'בין דאָ אָפּסנײַ געבליבן לעבן דורך אַ נעס בין.
כ'האָב איצט מיט אײַך אַן אַנדערן, אַ גרױסן כעזשבן, —

III

דעם כעזשבן פון אַ װעלט, אַ לאַנד, אַ פאָלק. ס'װעט מײַן באַריכט
געגעבן װערן אין די גרױסע, רײַכע ביכער.
אױף דער באַגעגעניש מיט אײַך איך האָב זיך ניט געריכט:
עס האָט מיך שױן דער טױט אַרומגעהאַלדזט אױף זיכער.
ס'האָט מיך געראַטעװעט אַ ביסל װאָרעמקײַט, אַ ביסל ליכט.
כ'בין צװישן אײַך — אַ ייִד, אַ קאָמאַנדיר, אַ דיכטער.
איך גײ אַרום אין מאָסקװע אונדזערער מיט האַרץ, װאָס שטױנט.
אױף יעדן שטײן, אױף יעדן טײַערן, איך לעב און װײן.

IV

איך גײ אָפּסנײַ אַרום אין אונדזער מאָסקװע-שטאָט,
און פיס פאַרװונדעטע אױפן טראָטואַר מיך װיגן.
אױך איך האָב, מאָסקװע, דיך געהיט פון װילדן שפּאָט.
עס פרײט אונדז אַלע פרי הײַנט די טרומײט פון זיגן.

מײַנ אויער איז נאָכ וואכ צום שארפנ רופ: — В поход!
— В поход! האָט מיר א נאכט אינ הארצנ טיפ ארײַנגעשריגנ.
אצינד, דער זעלבער היטער, אפ די גאסנ דײַנע שפאנ איכ,
דו, שטאָט, וואָס איכ האָב דיכ געהיט אפ פעלדער אפ ריאזאנער.

V

איכ בינ די געגנטנ פונ פאָטערלאנד אדורכגעגאנגענ צופוס,
מיט א נאגאנ, — פאר מײַנע פלעצער אונ פאר מײַנע גאסנ.
איכ בינ געגאנגענ מיט די קינדער פונ דער ווילער מאמע Русь,
געטראָגנ האָבנ מיר אפ זיכ די שווערסטע מאסע.
די אויגנ כ'האָב געקושט, די ברוסט האָב איכ געקושט
דער ערד דער שײנער, וואָס באזונגענ האָט נעקראסאָוו.
אינ דער נעשאָמע מײַנער האָבנ בליקנ, ווונקענ, רייד
אפ טאָמיד זיכ באזעצט אונ כ'היט זיי שטילערהייט.

VI

געגאנגענ זײַנענ מיר — א גרויס אונ מעכטיק לאנד.
געגאנגענ זײַנענ מיר אקעגנ שווארצסטער פונ די פעסטנ.
געגאנגענ זײַנענ מיר — א הויכע לעבעדיקע וואנט,
א בארג א שטאָלענער, אנ עטעמענדיקע פעסטונג.
געגאנגענ זײַנענ מיר דורכ וואסער אונ דורכ בראנד,
ס'זאָל ווערנ ווארעמער די פייגעלעכ אינ נעסטנ.
געגאנגענ זײַנענ מיר פאר אלעס, וואָס מיר כאָוועג אונ מיר ליבנ.
אוי, וויפל זײַנענ פרײַנט מײַנע אינ פלאמ געבליבנ...

VII

כ'האָב מיטנ לײַב מײַנעמ געפאָרשט די שטרעקעס פונ מײַנ היימ.
עס האָט מײַנ בלוט געטריפט אפ אירע טיפע שנייענ.
ווענ כ'בינ אפ וואכ אפ סטעפ געשטאנענ איינ-אליינ,
אפ דאכוועס ערדישער אונ הימלשער איר גוירל כ'האָב געלייענט.
ווערסט בלײַבנ אייביק-פרײַ אונ אייביק-שטאָלצ אונ אייביק-שיינ,
באדעקט מיט רומ פונ העלדישע ארמייענ,
א זונ וועט אופגייענ נאָכ גרעסער פונ דײַנ וויי,
מײַנ טײַער פאָטערלאנד, סאָוועטישע ראסיי!

VIII

איך בין פאַר דיר אוועקגעגאַנגען אין שוידערלעכן הויל,
א מילדער, צאַרטער מענטש, א ריינער זינגער.
ס׳האָט מיר דאָס האַרץ פאַרשטיינט די פינצטערניש, דער גרויל.
עס האָט די קרירע מיר געליימט די פינגער.
איך האָב פאַרקריצט די ציין, פאַרשלאָסן כ׳האָב דאָס מויל:
— כ׳וועל אומקומען, נאָר זאָל דעם היימלאַנד ווערן גרינגער! —
איך בין דורך שליאַכן בלוטיקע געגאַנגען פאַרן גרויסן פרידן,
פאַר רוסן און קאַזאַכן, פאַר אוקראַינער און פאַר ייִדן.

IX

מײַן פאָלק, מײַן ייִדיש פאָלק... דו האָסט דאָך מיר דעם גלי,
די פײַן, די שײַן, דעם טיפן מוט געגעבן.
„בעדאָמאַיִך כאַיִ!.. בעדאָמאַיִך כאַיִ!...״
„אין דײַן בלוט זאָלסטו לעבן... אין דײַן בלוט זאָלסטו לעבן...״
ביסט אַלע, אַלע נאַכט, ביסט אַלע, אַלע פרי
מיט מיר, אַרמייער, מיטגעגאַנגען נאָענט, נעבן.
ניט דו ביסט אומריין, פאָלק. דײַן פײַנט איז קויט און ברוד.
ביסט ריין, מײַן ייִדיש פאָלק, און הייליק איז דײַן בלוט!..

X

און ווער עס זאָגט, אַז איך, איך בין דאָ פרעמד,
ווער ס׳קוקט אַף מיר מיט גאַל און גיפטיק און פאַרביסן —
דער וויסטער רוך אים ווייסט, דער וויסטער רוך אים נעמט, —
ניט מײַן נאַגאַן — מײַן כאַוועריס ביקס וועט אים צעשיסן.
מײַן פאָלק, מײַן ייִדיש פאָלק אין זײַדן, אין פאַרבלוטיקט העמד,
פון ווײַטסטע צוקונפטן די פעלקער דיך באַגריסן.
כ׳בין שטאָלץ, איך זאָג עס איבער אַלע, אַלע שכיטעס:
ס׳איז מײַן געזיכט און ס׳איז מײַן גאַנג און ס׳איז מײַן האַרץ — סעמיטיש.

XI

אָט גייען זיי אהערצו, די כאַווײרים מײַנע, מײַנע פרײַנט,
די לעבנס-מיטגייער, די שטומענדיקע העלדן.
אָליעווסקי קומט אַרײַן און ראָסיג קומט אַרײַן,
ס׳קומט ווינער, ס׳קומט גורשטיין, ס׳קומט גאָדינער, ס׳קומט זעלדין.

זיי האָבנ זיכ דערוווּסט, אַז ס'איז מײַנ אָוונט הײַנט.
אָט וועלנ זיי דאָ באלד צומ וואָרט זיכ מעלדנ.
איר זעט דענ ניט? אָט שטייענ זיי, אָט דאָרטנ, בא דער שוועל.
איכ גלויב: די ליד, וואָס כ'לייענ, זיי געפעלט.

XII

איכ גיי אינ מאָסקווע אומ אונ שפּיר נאָכ וואָרט אונ טאט.
יאָ, הארטער איז דאָס הארצ, יאָ, שארפער זײַנענ אויגנ.
איכ הער די פריידטרומייט: — באפרײַט איז סטאלינגראד!
דער דײַטש האָט פונ וואָראָניעזש אָפּגעצויגנ! —
גערימט זאָל זײַנ דער יידישער דער שטארקער יאט,
וואָס איז דער ערשטער אפ דער פעסטונג-וואנט ארופגעפלויגנ.
גערימט, געלויבט, געבענטשט זאָל זײַנ אפ אלע יאָרנ
דער האס דער מעכטיקער, דער אומדערבארעמדיקער צאָרנ.

XIII

איכ גיי אינ מאָסקווע אומ אנ אייגענער, א טוישעוו, ניט קיינ גאסט.
אונ פּלוצעמ עס פארפלייצט דער הייסער קאס מיכ.
איכ גיי אינ מאָסקווע אומ פונ ליק צו ליק, פונ גאס צו גאס,
אונ ס'דאכט מיר, עמ באפאלט דער שטיקנדיקער גאז מיכ.
דער פײַנט איז נאָכ פאראנ! עס איז נאָכ שווער די לאסט!
דער פײַנט איז נאָענט נאָכ! דער פײַנט איז נאָכ אינ וויאזמע!
זײַ וואכ! זײַ וואכ! אָט באלד, אָט-אָט
עס וועט א הילכ געבנ, א רופ געבנ: В поход! —

XIV

אונ דאָס איז אלצ דערווײַל. דערווײַל זאָל זײַנ גענוג.
מיר וועלנ טרעפנ זיכ אונ כ'וועל נאָכ פיל דערציילנ.
עס איז מײַנ זונ ארײַנגעטראָטנ אינ קאָמיוג.
מיר וועלנ טרעפנ זיכ, מיר וועלנ זיכ נאָכ טיילנ.
ס'איז סטאלינ גרויס אונ שטארק אונ ווונדער-קלוג.
דאָס לאנד אונדזערס איז שיינ אונ שטארק אונ הייליק.
ס'איז הויכס פאראנ א סאכ. פאראנ אויכ טרויער.
דער העמשעכ קומט. דערציילנ כ'וועל גענויער.

יאנוואר 1943

די שוועסטער אונדזערע

ווענ עס באפאלט די נאכט מיט קנאלערײַ, מיט פײַערנ,
מיט דראָענדיקע לײַכטערלעכ — ראקעטנ,
ווענ ס׳קומט, ווענ ס׳פליט דער פעכ-אונ-שוועבל
אפנ לעבנ פונ די דערפער אונ די שטעט אָנ,
ווענ דורכ בערג אונ טאָלנ, שטומענדיק,
די כאיאָלעס אונדזערע אקעגנ סוינע טרעטנ,
ווענ עס צעהילכט זיכ דער געוועט
פונ טאנק, אעראָפּלאנ, הארמאטנ אונ באגנעטנ —
זי גייט אינ ריי מיט אלעמענ,
איר פעסטנ גאנג וועט גאָרניט ניט פארצאמענ:
קיינ טליִע ניט, קיינ קויל, קיינ באָמבע ניט,
קיינ גאזנ, וואָס פארסאמענ.
זי גייט אינ ריי מיט אלעמענ
דורכ שווערד, דורכ יאמענ בלוטיקע, דורכ פלאמענ —
די שיינע אונדזערע, די שוועסטער אונדזערע,
אונדזערע טרײַע, ליבע מאמע.
זי גייט אינ אָנטאָנ אינ ארמייִשנ
דורכ וויי אונ דורכ געשריי אונ דורכ געוואָי —
די שוועסטער אונדזערע, די בעסטע אונדזערע,
אונדזער פרוי.

זי גייט אינ אָנטאָנ רויטארמייִשנ
מיט זעלנערישע הארטע טריט,
זי גייט מיט פאָנענ רויטארמייִשע,
אונ קיינמאָל ווערט איר הארצ ניט מיד.
א זונ צעגליט איר לײַב אינ זומער-סטעפ,
א זאווערוכע זי פארדרייט, פארשיט,
זי גייט דורכ שטורעמ-ווינט, זי גייט דורכ ווירבל-ווינט —
א קריגערנ, א זיגערנ, א ליד.
די מאכנעס — איינע קעגנ צווייטער אינעמ פעלד צעשטעלט,
אונ קאנאָנע קנאלט.
אינ פלאקער-פײַערנ — די שטעטלעכ-שטעטלעכ.
עס ברענט דער וואלד.
אפ וועגנ אינ געשלעג, אינמיטנ ראנגלעניש —

איר שיין געזיכט, איר צארט געשטאלט
אין אָנטאָן רויטארמייִשן, מיט שטערן רויטארמייִשן.
און אויב זי פאלט... און אויב זי פאלט...
די גריגע גראָזן און די ווײַסע שנייען
און די ווײַטע בלויע הימלען האָרכן:
— איך בין געפאלן, פאָטערלאנד, איך בין געשטאָרבן. פאָטערלאנד,
פאר דײַן ניצאָכן... —

עס האָט מײַן צוג געיאָגט צום פראָנט.
ס'האָט מיטגעיאָגט די זון און די לעוואָנע.
עס האָט מײַן צוג געיאָגט צום פראָנט,
מ'איז אפּ א סטאנציע ארויס פון די וואגאָנען.
איך האָב געזען דאָרט: צווישן רעלסן טאנצט
א צוואנציקיאָריקע, מיט א ייִדיש פּאָנעם.
זי האָט געטאנצט, מײַן פאָלק האָט מיטגעטאנצט
לעם די קוילנוואַרפער און קאנאָנען.
זי האָט געטאנצט און צוגעזונגען שטיל
מיט פריידיקע, מיט וועקנדיקע טענער.
זי האָט געטאנצט, דער מוט האָט זיך געשטארקט
בא די קריגער, בא די שלאנקע מענער.
זי האָט געטאנצט, און ס'האָבן מיטגעטאנצט מיט איר
גרוזינער, רוסן, ייִדן און ארמענער.
זי האָט געטאנצט, ס'האָט איר געזיכט געשײַנט
אלץ ליכטיקער, אלץ פריידיקער, אלץ שענער.
עס איז געווען סאָפּ טאָג. ס'האָט צווישן רעלסן-וועג,
באדעקט מיט גאָלד, איר קערפּער זיך געוויגט.
זי האָט געטאנצט. מײַן פאָלק, מײַן פאָלק האָט מיטגעטאנצט
דעם טאנץ פון לעבן און פון זיג.

אין קעלער-טיף — א דיל.
מ'האָט אונדז אהער אָט ערשט געבראכט.
ס'טוט וויי, נאָר דיי לעם דיי ליגט שטיל.
מיר זײַנען דאָרטן נאָך, אין קאָך פון שלאכט.
עס טרייסלען זיך די ווענט,
מיט באָמבעס שיט און שיט די נאכט.
זי גייט מיט לײַכטע טריט לעם אונדז,

לעם וווּנדן אונדזערע זי היט, זי וואַכט.
זי גייט מיט לײַכטע טריט לעם אונדז,
א שוועסטערקע, א דאָקטערקע, א מילדע פרוי.
מיר זײַנען דאָרטן נאָך, און איינער שפּרינגט נאָך אויף:
— За Сталина! За Родину! В бой!
זי בייגט זיך אָן צו אונדז, זי נייגט זיך צו צו אונדז —
א וועלט מיט ווארעמקייט, א יאַם מיט בלוי.
איך שליס די אויגן צו, כ'פלי אָפּ אין כאָלעם-טיף:
דאָס איינציק לעבן מײַנס מײַן שוועסטער איך פארטרוי.
איר נאָמען כ'האָב
טיף-טיף פארשריבן,
אפּ אָנדענק שטענדיקן,
אפּ שטענדיק ליבן.

אין שטילן „טיל",
ווען צו דעם פענצטער גיי איך צו אין די פרימאָרגנס,
זי גייט אדורך אין ארבעטער-קאָסטיום,
איך שפּיר איר נאָך, אין מײַן שפּיטאָל-צימער פארבאָרגן.
איך וויס: עס איז איר טאטע אין סמאָלענסק געטויט,
אין אומאַן איז איר ברודערל דערוואָרגן.
איך וויס: איר ווי איז גרויס,
נאָר אפּ איר פּאָנעם — אנדערע, גאָר אנדערע זאָרגן.
די אויגן אירע — טיף פארקלערט.
זי איז מיט שליכעס וויכטיקע באלאָדן.
זי גייט אדורך אין ארבעטער-קאָסטיום,
זי קומט, אַן אינזשעניער, צו איר זאוואָד אָן.
באטאָג, באנאכט זי שטייט דאָרט לעם דער ראָד.
— דו וועסט באצאָלן, סוינע, פארן שאָדן!
דו האָסט באגאָסן שטעט מיט בלוט,
דו וועסט זיך אין דײַן בלוט דײַן אייגנס באָדן! —
זי גרייט דעם טאנק, זי גרייט די באָמבע צו,
זי הארטעוועט דעם שטאָל.
באשטראָף, מײַן שוועסטער — אינזשעניער,
באשטראָף, באצאָל!

די מאמעס — די קאָלווירטניצעס די טרײַע
אין דער געגנט פון דער שטאָט ריאזאן,

וואָס האָבן מיך, פאַרוווּנדעטן, געהאָדעוועט:
— „עס זײַנען בא אונדז אויכעט קינדער אפֿן פראָנט פֿאַראַן״...
און די, וואָס פירן דורכן ווינטער-סטעפּ
די באַן,
און די, וואָס פליִען אין די הימל-הייכן
אפֿן עראָפּלאַן,
און די, וואָס היטן אף די פעלדער
אונדזער ברויט,
און די, וואָס שענקען פאַר די ברידער
ס'בלוט דאָס רויטס,
און די, וואָס זייער שטאַרקייט
שאַפֿט און בויט,
און די, וואָס זייער מוט
באַזיגט דעם טויט,
די שוועסטער מײַנע לעם האַרמאַטן,
אף די מינענטרעגער, אף די רויטע קרייסערס, —
מײַן גרוס מײַן האַרציקער,
מײַן גרוס מײַן הייסער.

אָט איז זײַן גאַס

איך זאָג עס שטיל צו זיך, ס'זאָל ניט דערגיין צו קיינעם,
איך זאָג עס, ווען איך גיי פֿון שרײַבערישן קלוב:
— קום, עזראָ, לאָמיר איצט אַרײַנגייען צו דעם פרײַנט דעם שיינעם.
אָט איז זײַן גאַס, אָט איז זײַן שטוב. —
און ס'פיבערט מיך, און כ'שפאַר זיך צו צום טעלעגראַפֿן-סלופּ,
און מײַנע אויגן וויינען און ניט וויינען.

עס איז געווען, געשען אין טעג אין יענע,
ווען מיר זײַנען געגאַנגען אַלע אין דער „אָפּאָלטשעניע״.

אף מאַלע-קיסלאָווסקי פאַראַן אַ הויף, אַ שול.
ס'איז דאָן געווען דאָרטן מיט מענטשן און מיט טומל פֿול.

ס׳איז דאן געווען דער אָנהייב פונעם קריג דעם שווערן.
דאָרט האָבן שרײַבער שיסן זיך געלערנט.

אף מאלע-קיסלאָווסקי לעם הויף, באם ראָג
מיר האָבן זיך באגעגנט אין א זומערדיקן טאָג
און איינער צו דעם אנדערן געזאָגט:

— געוויס, געוויס...
ס׳וועט זײַן אונדז שווער... עס וועט אונדז זײַן ניט זיס...
נאָר זײַן מיר זײַנען אין א ליכטיקן רעשוס.
עס איז א פליכט, עס איז א מוז.
ס׳ווערט אלעס, אלעס, אלעס איצט געגעבן...
אלץ... דאָס לעבן...
מיר וועלן נעמען יעדערער א ביקס, א שווערד, א שפיז.
מיר וועלן גייען ביזקל מירן פאלן פון די פיס... —

אזוי-אָ האָבן מיר אין יענע טעג אין יענע אומגעהויערע,
אזוי-אָ האָבן מיר מיט כאווער מײַנעם זיך געשווירן.

און אוועקגעגאנגען זײַנען מיר געטרײַ,
מיט ביקסן, ברענגען די געולע.
עס איז מײַן פרײַנט געפאלן ערגעץ לעם מאָזשײַסק,
איך בין געפאלן פון די פיס לעם טולע,
אין פראָסט, אין שניי, באדעקט מיט וווּנדן.
ס׳האָט מיך פון טויט ארויסגעשלעפט א ווונדער.

כ׳וויל איצט ארײַנגיין צו דעם כאווער מײַנעם, כ׳וויל אים אלץ דערציילן.
ער האָט געקענט די ווונד די טיפסטע היילן.
ער האָט געקענט ארויסציִען פון ערגסטן און פון בייזסטן.
ער האָט געקענט מיט גוטן שמייכל טרייסטן.

קומט, פרײַנט, קומט, לאָמיר אלע איצט פונדאן, איניינעם,
קומט, לאָמיר אלע איצט ארײַנגייען צו דעם פרײַנט דעם שיינעם.
ער וועט מיט מילדן שמייכל אונדז באגעגענען, ווי אלעמאָל.
ער וועט, ווי שטענדיק, אלץ פארשרײַבן אינעם פראָטאָקאָל.
אין שפעטער נאכט-שאָ, כאָטש ער איז שוין לאנג פארמאטערט,
ער וועט דערציילן וועגן מענדעלען און וועגן ייִדישן טעאטער.

ער האָט געקענט די שווערסטע שאָ
פארגרינגערן, באשײַנען און באַכיינען.
קומט, פרײַנט, קומט, לאָמיר אלע איצט אַרײַנגייען צו דעם פרײַנט
דעם שיינעם.

נאָר ס׳איז מײַן ליבער פרײַנט נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ.
און קיינער ווייסט ניט, ווו באהאלטן זײַן געביין איז.

זײַן גײַסט פליט אום אין הימלשן אין טיפן בלאָ.

געפאלן איז מײַן פרײַנט, קעדיי די וועלט זאָל פרײַ זײַן.
עס וויינט מײַן הארץ, כאָטש, דאכט זיך, ס׳איז פון אײַזן.
1943

איינציקע — איינע

דאָס בלוט האָט פארגאָסן די פעלדער, די שטיינער,
די גערטנער, די זון און די לויטערסטע כיינען.
אין הארצן פארוווּנדעט — איך עטעם נאָך, גיי נאָך,
און דו ביסט מײַן איינציקע — איינע.

מײַן ליבע! מיט אויגן, וואָס קיינמאָל ניט וויינען,
דו זאָגסט: „איך בין גראָ שוין, איך בין שוין א זקיינע".
איך קוש דײַנע אויגן: — אוי, טײַערע, ניין נאָך,
דו ביסט דאָך מײַן איינציקע — איינע.

מײַן ליבשאפט איז רײַך נאָך, מײַן ליבשאפט איז מאכטפול.
פארצאָרנט, פארבלוטיקט און ווייפול, און נאכטפול,
כ׳בין אוף פונעם גרוב אפן שנייִיקן שלאכטפעלד:
— דו ביסט דאָך מײַן איינציקע — איינע! —

א נעס איז געשען: ניט געטייט האָט די קויל מיך,
עס האָט מיך די שווערד פונעם פײַנט ניט געקוילעט.
דער ווינט האָט געבראכט מיך: — דו ביסט דאָך מײַן ווילע,
דו ביסט דאָך מײַן איינציקע — איינע! —

געוואכט האָט מײַן היטער, א נעס האָט געטראָפן:
ניט דורכגעשפּיזט האָט מיך דער פּראָסטיקער צאָפן,

איך בין אין די הורבעס ניט איַנגעשלאָפן,
דו ביסט דאָך מיַין איינציקע — איינע!

הער: דו ביסט אצינדערט נאָך מערער מיר טיַיער.
אויב טריַי ביסט געווען — דו זיַי נאָך געטריַיער.
איך בין דיר געשאָנקען פון ריזיקן פיַיער,
דו ביסט דאָך מיַין איינציקע — איינע.

עס ברענט אונדזער פאָלק אין די שטעטלשע שטיבער.
מע וואַרגט אונדזער פאָלק אין די הינטישע גריבער.
אינמיטן דער סריַיפע דו ביסט מיר נאָך ליבער,
אוי, טיַיערע, איינציקע — איינע.

מע שטיקט אונדזער וועלט אין די הינטישע יאַרן.
עס לעבט אונדזער וועלט אונטער שוואַרצסטע געפאַרן.
ס׳קומט יעדער פרימאָרגן מיט צאָרן, מיט צאַר אָן,
אוי, טיַיערע, איינציקע — איינע.

באַטאָג און באַנאַכט אַפן שלאַכט-פעלד מיַין כאַיל,
און טויזנטער פאַלן, און ס׳קומען אויף נייַע,
און איך בין מיט זיי אינעם ריזיקן פיַיער,
אוי, טיַיערע, איינציקע — איינע.

און, מעגלעך, דו האָסט מיך אצינדערט באַגעגנט
אינמיטן דער ראַנגלעניש נאָר אַפ אַ רעגע,
כ׳וועל מאָרגן אוועקגיין אַפסניַי אין געשלעגן,
אוי, טיַיערע, איינציקע — איינע.

זעסט?ביידע געעלטערט. זעסט? ביידע — פאַרמאָגערט.
נאָר אַלץ ניט געבויגן, נאָך אַלץ ניט דערשלאָגן.
מיט בלוט פונעם דיכטערשן האַרצן איך זאָג דיר:
דו ביסט דאָך מיַין איינציקע — איינע.

מיר האָבן באַהעפט זיך אָן כופע-קידושן
אַפ זוניקן לעבן, אַפ גליקלעכער רו-שיַין.
פון שלאַכט-פעלד געקומען כ׳בין — שטיל דיך אַ קוש טאָן,
מיַין טיַיערע, איינציקע — איינע.

די שווערד האָט פאַרטיליקט מיליאָנען געביינער.
דאָס בלוט האָט פאַרגאָסן די קינדער די ריינע.
איך האָב פאַרוואונדעט, איך עטעם נאָך, גיי נאָך,
און דו ביסט מײַן אײנציקע — אײנע.

נאָך אַלץ ניט דערשלאָגן, נאָך אַלץ ניט צעבראָכן.
מיר וועלן אַדורכגיין מיט שווערסטע פון יאָכן.
מיר דאַרפן דערלעבן צום גרעסטן ניצאָכן,
מײַן טײַערע, אײנציקע — אײנע.

א סאַך, א סאַך...

מײַן מויער האָט געלאָזן דאָרט א סאַך, א סאַך.
אַצינדערט איז ער אָפּגעצערט און שוואַך.

עס איז מיר א ביזויען: כ׳קום אַהער
מיט הענט און פיס און צונג, וואָס דינען שווער.

ס׳איז דאָרט מיט מיר א סאַך, א סאַך געשען.
כ׳האָב מיטגעבראַכט א וואָרט, וואָס אינעווייניק ברענט.

אויב נאָר עס וועט דאָס הייסע וואָרט גאָר גיך
אין גרויסער סרייפע ניט פאַרברענען מיך,
עס וועט אין וועלט אַרויס מיט פײַערדיקן וויי,
מיט גרויס געוואַלד און מעכטיקן געשריי,
מיט רויטן בלוט אַף ווײַסן, טיפן שניי...

און איר, מײַן פרוי, מײַן זון, אַנטשולדיקט מיר דערווײַל
מײַן גרײַז מײַן קליינינקע, ווען כ׳לעב אַף טויזנט מײַל.

כ׳האָב פרײַנט פאַרוואונדעטע, וואָס רעדן קוים: בום-בום...
נאָר איך... איך בין נאָך ניט אינגאַנצן טויב און שטום.

און אויב נאָר זאָגן וועט איר מיר א וואָרט א גוטס —
איז מיט דער נעשאָמע, וואָס איז דורכגעגאַנגען יאָרן שמוץ

און איז געבליבן זעעוודיק און איז געבליבן ריין
(נאָר אײַנגעזאַפּט אין זיך א יאָם געוויין),

כ׳וועל זאָגן אײַך, מײַן פרוי, מײַן זון, א דאַנק:
— א דאַנק פאַר מילדן וואָרט, פאַר ווארעמען געשאַנק.
כ׳בין נאָך ניט טויב און שטום. עס דינט מיר מײַן געזאַנג.

קאָן זײַן, אַז מאָרגן-איבערמאָרגן פּלוצעם איר דערהערט,
ווי עס פאַרנעמט מײַן פײַער-וואָרט די גאַנצע ערד.
1942

שטיי אויף און גיי!

האָסט א וווקסיקן זון, נאָר אליין ווי א קינד
גייסטו אום ניט באַוואַכט, גייסטו אום ניט באַשיצט.
ווי זאָל איך אײַך, טײַערע, היטן אָט-איצט,
ווי זאָל איך אײַך, נאָענטע, שיצן אצינד?

באַטאָג און באַנאַכט אַלץ מיר דאַכט זיך און דאַכט,
אַז געבליבן כ׳בין דאָרט אָפן שנייִקן שליאַך,
אין ·פאַרשאָלטענער ראָד, אין פאַרקישעפטער ראָד,
אָפן פראָסטיקן וועג לעם מיכײַלאָוו דער שטאָט,
מיט פאַרגליווערטע הענט און די צײנער פאַרקריצט,
און איך ליג דאָרט ביז הײַנט און איך שטאַרב דאָרט אויך איצט.

נאָר ניין, מײַנע טײַערע, ניין. איך שפּאַס.
ווי כ׳האָב זיך געהייסן: — נאָר ניט מעשוגאַס! —
ווי כ׳האָב זיך אין שוואַרצן אין אומקום-גרויל
באַפוילן: — ניט שענק זיך אין קאָפּ די קויל! —
ווי כ׳האָב זיך געהייסן: — שטיי אויף פון שניי! —
אויך איצט כ׳וועל זיך הייסן: — שטיי אויף און גיי! —
אַראָפּטרייסלען וועל איך דעם באַרג מיט וויי.
מ׳דאַרף זיך שטעלן אין ריי? כ׳וועל זיך שטעלן אין ריי —
א קינד — א באַשיצער פון קינדערלעך צוויי.

ווײַל טײַער זענט איר מיר, קינדערלעך, ביידע,
מיר, דעם קינד, וואָס מע רופט אים שוין „זיידע".

צו א פרײַנט

...א דיכטער און א קינד,
אַרײַנגעשלײַדערט אין א פּײַערדיקן ווינט,
א דיכטער און א קינד
אונטער דער שוואַרצסטער, ווילדסטער כמאַרע —
האָב איך ניט פאַרדינט
א וואָרט א כאַווערטיש, א וואָרט א וואַרעמס?

נאָר זאָל זײַן אַזוי, מײַן פרײַנט מײַן טײַערער,
איך פאַרגיב.
איר זענט מיר זייער טײַער,
און איך האָב אײַך ליב.

איר זענט מיכטאַמע שטאַרק פאַרנומען.
איר זענט פאַרטאָן
אין די איניאָנים
פון דער בלוטנדיקער אומע.

ווו איך שטיי
און ווו איך גיי —
גייט מיר נאָך דאָס בלוט,
גייט מיר נאָך דער וויי.

דער קוילנוואַרפער צינדט און שינדט
און ברענט און שנײַדט
אַלע פרי אין שטעט אין ייִדישע
צו טויזנט לײַט.

אפן באַרג מיט אש,
אפ די כאָרעווע ווענט
די מאַמע ליגט געקוילעט,
די טאָכטער ווערט געשענדט.

ס'טרעט דער באַגנעט דורך שטעט
און טויזנטער צעשטעכט.
און דער טאַנק
די שטיבלעך מיט די אײַנוווינער צעברעכט.

און מיליאָנען שטילערהייט
דער כאַלעפּ שעכט, שעכט.
און מיליאָנען שפּאַנען
מיטן גענלן שמאַטקעלע פון קנעכט.

א ווײַטן גוואַלד איך הער
אין שטילקייט פון די נעכט:
עס איז דער אומע מײַנער
ביטער, פינצטער, שלעכט.

דאָך בלוט מיך פּײַניקט און פאַרפאָלגט.
כ'זאָג אַלע טאָג דאָס וואָרט, וואָס כ'האָב געטראָפן בא שטשעדרינען:
„ווען איך באַטראַכט די לייד פון אָט-דעם פאָלק,
הייב איך אָן אַראָפּגיין פונעם זינען".

כ'הער אַלע נאַכט דאָס קרעכצעניש
פון לײַב צעדראָשנס און צעמאָלטס...

און איר, מײַן פרײַנט מײַן טײַערער,
איר זענט דאָך אונדזער שטאָלץ,
איר זענט דאָך אונדזער שיינער,
אונדזער גרויסער,
אונדזער הייסער
מײליץ-יוישער.

איר זענט אַצינד פאַרנומען שטאַרק.
איר טראָגט אפ פּלייצע אײַערער א שווערן באַרג.
ס'איז פון מײַן זײַט, זעט אויס,
געווען א האָזע
אײַך צו מאַטריִעך זײַן
מיט מײַן בריוו אין פּראָזע.

אַנטשולדיקט מיר, פאַרגיט
א יענע פּראָזע און אָט-די-אָ ליד.

איך לעב, מײַן פרײַנט מײַן טײַערער,
איך לעב.

כ׳בין ניט דערוואָרגן, ניט געשאָכטן,
ניט געקעפּט.

איך קום פון קריג —
א שווער-פאַרוווּנדעטער סאָלדאַט,
מיט הענט מיט אָפּגעפרוירענע
באַם האַלדז א האַרמאַט.
דאָס בלוט פון קיִעוו און פון מינסק,
פון לענינגראַד, פון סטאַלינגראַד,
אָט נאָך א ווײַל —
דאָס בלוט דעם מויעך מיר פאַרפּלייצט.

כ׳וועל בלײַבן ליגן
אַף דער גרויסער ערד געקרייצט:

— מאַמע-ערד!
כ׳האָב דיר געזונגען גוט,
כ׳האָב גליק פאַר דיר באַגערט.
איז מיר דער טויט דער פינצטערער באַשערט,
דער טויט אָן זינען און אָן זין? —

נאָר ניין, מײַן פרײַנט מײַן טײַערער,
אָ, ניין.
כ׳האָב פון די עלטער-עלטער-זיידעס
קראַפט און מוט געיאַרשנט.
איך גלייב, איך מיין:
כ׳וועל נאָך אַדורכגייען מיט זיגערישע מאַרשן
דורך סמאָלענסק, דורך ביאַליסטאָק, דורך וואַרשע
ביז צו די טויערן, ביז צו די פלעצער פון בערלין.
1942

אָנ אנ אדרעס

...כ'ווייס, אז דו לעבסט אונ ביסט ניט פארגרויט.
דו בעטסט, כ'זאָל אינ קרירע ניט אומפאלנ טויט.
דו בעטסט, כ'זאָל אינ פײַער ניט ווערנ פארברענט.
דײַנ כאָלעמ איז — צוויי פארבראָכענע הענט
איבער דערפער אינ פלאמ, אפ פארוווּנדעטע שטעט.
ביסט צומ הארצ פונ דער וועלט א הארציק געבעט.
אינ טעג אונ אינ נעכט אָט אזוי דו רעדסט:
— די קראפט אנטפלעק! די שטארקײַט באווײַז!
דו רעט אימ ארויס פונעמ שעדישנ קרײַז!
דו ווייסט דאָכ זײַנ ווערט אונ די ווייסט דאָכ זײַנ פרײַז!
זײַנ פײַנט, וואָס איז ווילד, מײַנ פײַנט, וואָס איז פרעכ,
זײַנ פײַנט, מײַנ פײַנט צעקלאפ אונ צעברעכ! —

א נעכטיקער כאוועד דעמ אָנדענק פארשפײַט.
א ווײַב ווערט פרעמד אונ א קינד ווערט ווײַט.
פונ זיקאָרנ פאריאָגנ טויזנט לײַט.
אונ די אייגענע טיפ ניט וויינט אונ ניט שרײַט.
קעגנ ביטערנ אומגליק, וואָס ניט פארמײַדט,
די טיפ פארגעסט איר זינ אונ באטײַט.
נאָר דו אליינ דאָרטנ אלעס ווייסט.
דו געדענקסט מיכ שטארק אונ דו האלדזוסט מיכ הייס,
מיטנ לײַב דו פארשטעלסט מיכ פונ ויסטנ בייז.
איבער די לענדער, וואָס ווערנ פארלענדט,
איבער די ערדנ, וואָס ווערנ געשענדט,
דו שטרעקסט צו די ווײַטנ די צארטע הענט.
א קינד, א פרוי, א פרײַנט, א מענטש,
דו בעטסט אונ דו פאָדערסט מיט הארצ מיט געטרײַס:
— הארצ פונ דער וועלט! ווידער, באנײַס
די קראפט אנטפלעק! די שטארקײַט באווײַז!
דו ווייסט דאָכ זײַנ ווערט אונ דו ווייסט דאָכ זײַנ פרײַז!
זײַנ פײַנט, מײַנ פײַנט אינ קלעמענ פארכאפ!
זײַנ פײַנט, מײַנ פײַנט צעברעכ אונ צעקלאפ! —

כ'ווייס, דו ביסט דאָ, ווײַל דו מוזסט דאָכ זײַנ,
ווי די ערד, ווי דער יאמ, ווי די לופט, ווי די שײַנ,

ווי דער קוואַל פון געזאַנג, ווי דער קינדערשער בליק,
ווי אונדזער גרויסער פרייִדיקער זיג.
איבער אומוועדדיק-שלעכטס, איבער אַלץ, איבער אַלץ,
וואָס איז נידעריק-פּרעכ און איז מערדעריש-פאַלש,
איבער ערד אין בלוט, איבער ערד, וואָס שעלט,
דײַן געבעט איז פאַר מיר, ווי פאַר גאָר דער וועלט.
מיט מיר און מײַן מאַכנע אין שלאַכט דו גייסט.
מיך און מײַן מאַכנע אין שלאַכט דו באַגלייטסט.
און דראָט אונדז סאַקאָנע — דו פאָדערסט, דו שרײַסט,
דײַן גוואַלד-געשריי די שוואַרצקײַט צערײַסט:
— האַרצ פון דער וועלט! זוניקער גײַסט!
דו שטעלסט אויף די פעלקער און לענדער באַפרײַסט!
די קראַפט אַנטפּלעק! די שטאַרקײַט באַווײַז!
דו ווייסט דאָך זײַן ווערט און דו ווייסט דאָך זײַן פרײַז!
דעם קויעך אַנטפּלעק! די גווורע אַנטפּלעק!
זײַן פײַנט, מײַן פײַנט — די געגעמשע שרעק —
זײַן פײַנט, מײַן פײַנט פאַרטיליק, פאַרמעק! —
אין בלוט אַף דער ערד ווערן קינדער פאַרזייט.
ס'מוז זײַן אַ גרויסאַרטיקע צאַרטע פרייד.
ס'וועט די הייך זײַן בעשטילט, ס'וועט דער טאָל זײַן געשטילט.
עס וועלן די דורעס זינגען מילד.
עס וועט ליכטיק זײַן... און דערווײַל, דערווײַל
הילכט די שלאַכט אַף טויזנטער מײַל.
אַלע מינוט, אַלע מינוט
פאַלט מײַן קאָפּ, גיסט זיך מײַן בלוט.
און אַלע מינוט מיט אַ נײַעם גוף
אינמיטן דעם שלאַכט-פעלד כאַפּ איך זיך אויף
און מיט אײַזערנעם האַרץ און מיט אייביקן מוט
גיי איך דורך שוידער, שפּאַן איך דורך בלוט.
אַהינצו, אַהין די נעשאָמע געווענדט,
איך הער: אין די דורעס דײַן נאָמען מע בענטשט,
עס הויכט זיך דײַן דענקמאָל פון ערד ביזן הימל,
און דיכטער דיך ליבן, און זינגער דיך רימען,
קינד, פרוי, פרײַנט, מענטש!

געזאנג אין שפּיטאָל

א

פּרעכטיקע שפּאנענ לעוואָנע-נעכט
אפ שטרעקעס פונ אפּרעל.
אינ וואלד אינ טיפנ דערמאָנ איכ דיכ,
הערשערנ פונ מײַנ וועלט!

אפ וועג דײַנעם שפּרייט איכ טעפּיכער,
טעפּיכער פונ געזאנג,
קיינ דאָרנ זאָל ניט פארטשעפּענ דיכ,
ס'זאָל פריילעכ זײַנ דײַנ גאנג.

עס דארפ נאָכ דויערנ, דויערנ.
כ'געדענק, איכ וויס עס פעסט:
די וואונדער-שטאָט וועט די טויערנ
צעפּראלנ פאר די געסט,

וועט ברייטע פּלעצער צעעפענענ
מיט פרילינגדיקנ ווײַנ.
אָנקומענ וועלנ מיר, טרעפנ זיכ
אינ קוועלנדיקער שײַנ.

כ'וויס, נאָר דאָס הארצ צעוויינט זיכ גאָר,
אונ טיפ איז דער געוויינ:
— מײַנ הערשערנ, דו, מײַנ איינציקע,
קומ הײַנט, אהער צו גיינ!

איכ וויל, דו זאָלסט נאָענט עטעמענ,
איכ וויל, דו זאָלסט מיט מיר
שוינ הײַנט אפ די גרויסע שעטכנ
זיכ לאָזנ אפ שפּאציר.

איכ וויל, דו זאָלסט הײַנט שוינ אָנקומענ
צומ וואלד, אווו איכ וווינ,
אונ זײַנ מיר א פרייד א געשאָנקענע,
אונ זײַנ דער שענסטער לוינ. —

זע איך: העט-ווײַט צעכיינסטו זיך
אין וווּנדערלעכער ליכט:
— צי אופֿ, וואַרט אויסעט, איינציקער,
כ׳וועל גיך שוין קומען, גיך!—

און דו שענקסט מיר פֿון ווײַט א צייכנדל.
די פֿײַן מײַנע פֿארשווינדט.
און אין דרימל פֿארגיי איך שמייכלענדיק,
און ס׳צערטלט מיך לינדער ווינט.

אפֿ מײַן שטערן אין פֿלאקער-פֿײַערן,—
פֿון אייביק אָן באקאנט,
איז אדורכגעפֿלויגן, טײַערע,
דײַן היילנדיקע האנט.

ב

אין א מײַ-פֿרימאָרגן אין א ראכוועסדיקן, אין א זוניקן אזא,
ווען ס׳קומט אפֿסנײַ דערפֿרייען אונדז דער פֿרילינגדיקער רייעך,
זינגט דורך אין גאָרטן פֿון שפּיטאָל א פֿרײַנט — א רויטארמייער:
— Что-ж ты опустила глаза?—

קלינגט דורך אין קאָל זײַנעם די גוטסקײַט ערד און הימלס,
זינקט אײַן אין זומפֿן אלעס, וואָס איז עקלדיק און ווערעמדיק און נימעס.
פֿון אלע טרויערן קומט אופֿ די בלויע טמימעס
אין קלייד אין איידעלן, א קינדערשע אזא:
— Что-ж ты опустила глаза?—

עס קוועלט פֿון אָנהייב וועלט ביז ענדע וועלט דער שווארצער סאָטן:
— די צניעס הענגט אפֿ טליִעס. אויסגעראָטן,
צעטראָטן ווערט דער מיידלשער, דער פֿרומער אָטעם.
עס וועט דער פֿרילינג שמעקן ניט מיט בעז!
עס וועט דער פֿרילינג שמעקן הײַנט מיט מעס!
עס וועלן אלע ריינע הערצער ווערן בייז און שווארץ און פּוסט!
עס וועלן אלע שיינע טעכטער דינען אין בייסזנוס!—
נאָר דו קומסט אָן מיט לײַכטן שעמעוודיקן טראָט
אינעם גרינעם, אינעם שײַנענדיקן סאָד.
דורך יאר מיט צאר, דורך מינעס, דורך פֿארצאמונג-דראָט
דו ביסט אדורך און ס׳האָט דיר גאָרניט געשאָדט.

די קומסט פון ווײַטן פײַערדיקע, און אראָפּגעבויגן
דו האָסט צו וואקסנדיקע גראָזן די פארטרערטע אויגן.
איך גיי אנטקעגן, בא די הענט דיך נעם:
— עס איז א מילדע, א גוטוויטשנדיקע זון דאָ
אפ אונדזער יאם מיט בלוט און אפ די טיפסטע וווּנדן.
ס'לויכט איבער גאָר די ווייטעקן און איבער גאָר דער קלעם
א זון אן אייביקע, א גאָלדענע, א וואַרעמע אזא.
וואָס זשע האָסטו, שיינע, זיך פארשעמט?
— Что-ж ты опустила глаза?—

מישפּט

הינטער גאָר דער אניוועס, וואָס האָט ניט קיין רייד און ניט באוווּסט
איז איר נאָמען,
פליסט דער זידיקער שטראָם, דער פײַער-שטראָם פון נעקאָמע.

דאָ איז שטיל, און דער הויכער דער קילער הימל איז לויטער.
אלץ, וואָס איך טראָג אין די טעג, גיב איך איבער דעם נויקעם-וועגויטער,
וואָס לעבט אין מײַן שטרענגסטער טיף און גיט אפ אלעס אכטונג,
און אלעס וועגט ער אָפּ מיט די הייליקע שלאכט-באנאכטן.

ס'וועט גאָרניט פון אים ניט אוועק, ס'וועט קיינער פון אים ניט אנטלויפן,—
מע וועט צאָלן מיט בלוט פאר בלוט, ווען ער וועט ווערן דער שויפעט.
און די, וואָס האָבן געפרעסן, געלעצעוועט און געזאָפן,
און די, וואָס האָבן געגאזלט — מיט גלי-אײַזנס וועט ער באשטראָפן.
יענע, וואָס האָבן געהוליעט, ווען בלוט האָט פארפלייצט די שנייען —
קינדערלעך וועלן לאכן פון זייערע גוואלד-געשרייען.

אין טונקלען אָוונט אין מאָסקווע איך שטיי אפן פלאץ אפן דרויטן.
— זאָלסט צוווארטן א ביסל, צי אופ, מײַן נויקעם-וועגויטער.

איך ווייס דאָך זייער וויל, ווי טיף און גערעכט דײַן האס איז.
ווארט צו: פון אונדזערע סאָנים וועלן מיר שינדן פאסעס.
אזוי האָט יעשײַע געהייסן, אזוי האָט באפוילן שעווטשענקאָ,
דזערזשינסקי האָט באפוילן: — מע זאָל עס פארגעדענקען! —

ווארט צו, מײַן טײַערער ריכטער, א ווינטער נאָך און א זומער... —
פאָלגט מיך מײַן נויקעם-וועגויטער אין פײַער-צעגליטקײַט אין שטומער.

שלינגען די אויגן די טעג, ווערן אָפּגעווייגן די ווייען.
ווי איז צו די, וואָס שפּעטן, ווען בלוט האָט פאַרפּלייצט די שנייען!

פאַרבלוטיקטע ביכער

א יונג, וואָס איז געקומען פון דער שלאַכט,
א יונג, וואָס האָט באַדינט קאַנאָנעס,
האָט מיר דערציילט אין מאָסקווער אָפּדערנאַכט:

— ווען ס׳האָט געברענט די שטאָט וואָראָניעזש,
ווען ס׳איז געפלויגן אין דער הייך די שרעק,
ווען אופגעריסן האָט די ערד דער מערדער מיט די העק,
האָב איך אין הויף פון א צעשמעטערטער ביבליאָטעק,
לעם שטיינער און ביין, וואָס איז צעבראָכט און איז צעשפּליטערט,
אין אויסגעמיש פון בלוט און מענטשן-גלידער
געפונען איינערן א בוך מיט לידער,
א בוך מיט יידישע געזאַנגען.
איך האָב אים אופגעהויבן פונעם בלוט און פונעם אש,
כ׳האָב אים אַריינגעלייגט אין קאָמאַנדירישן, אין גרויסן טאַש
און בין מיט אים אין שלאַכט אַריין אוועקגעגאַנגען. —

איז, הייסט עס, דורכן הייסן בלוט פון בייזסטע קריגן
געגאַן בין איך, געגאַנגען איז אויך מיין ניגון?

כ׳האָב זיך דערמאָנט:
ס׳האָט אַפּ א שטאָט דער קאַט דעם פלאַם צעוויכערט.
כ׳האָב פון א קלוב א כאַרעוון
געראַטעוועט א בינטל ביכער,
כ׳האָב זיי אַרויסגענומען פון דער סרייפע,
פון די פייערדיקע רייפן,
באַלאָדן כ׳האָב די פּלייצע מיינע
מיט א שווערן זאַק
און זיך געלאָזט דורך באָמבע-וועג,
דורך ליידיקן באַלשאַק,
צו מיינע גוטע-ברידער לעם קאַנאָנעס און מיט שפּיזן —
צום פּאָלק מיינעם, צו מיין דיוויזיע.

געפֿלויגן איבער מיר מיט שוואַרצן טויט
דער הענקער.
מיט ביטער האָט געערדט מײַן האַרץ:
— כּאַווייריִם דיכטער און כּאַווייריִם דענקער!
די ברידער מײַנע אין דער שלאַכט
איך שענק אײַך!
איר זאָלט, פֿילאָסאָפֿן,
איר זאָלט, פּאָעטן,
מיט די ברידער מײַנע
ווי די פֿרײַנט די נאָענטסטע אַ רעד טאָן.
ס'קאָן יעדן אויגנבליק
אַ באָמבע אין מײַן ברודערס ברוסט אַ קלאַפּ, זעץ טאָן,
זאָל אײַער וואָרט באַם ברודער זײַן
דאָס גלעטנדיקסטע וואָרט אין אויגנבליק אין לעצטן.
נישטאָ קיין העכער גליק,
ווי זײַן אַ האַרציקער באַגלייטער
אַריבער גרענעץ שאַרפֿסטער,
צו דער וועלט דער צווייטער!
איר דאַרפֿט, פֿילאָסאָפֿן,
איר דאַרפֿט, פּאָעטן,
מיט די ברידער מײַנע
ווי די פֿרײַנט די נאָענטסטע אַ רעד טאָן! —

אַף גרויסן וועג די שײַן האָט זיך געלאָשן.
געגאַנגען בין איך מיט מײַן ליבן אָל
דורך גרויסן וועג, דורך באַרג און טאָל.
און פּלוצעם כ'האָב דערהערט אַ קאָל, —
ס'האָט עמעצער גערופֿן הויך: —
— טאָוואַרישטש קניגאָנאָשאַ! —

אַ מאַשין, וואָס גלאַנצט אין שקיִע־שטראַל.
אין דער מאַשין — אַ יונגער רויטער גענעראַל.
דעם וועג צום פּאָלק מײַנעם איך זאָל אים אָנווײַזן,
ר'האָט מיך געבעטן.

— וואָס טראָגט איר, כאַווער קאָמאַנדיר?

— איך טראָג פילאָסאָפן און טראָג פּאָעטן
צום פאָלק מײַנעם, צו מײַן דיוויזיע.
מײַן פאָלק? אָט דאָרט, באַם האָריזאָנט, אָט איז ער! —

ער האָט מיך אײַנגעלאדן אין מאשין,
כ'האָב צו דער מאכנע מײַנער אים דעם וועג געוויזן.
כ'האָב אלעס אים דערציילט.
כ'האָב אויך דערציילט אים, אז צוריק מיט יאָרן
עס האָט אין לאנד אין אונדזערן,
אין א שטאָט פון דאָרעם
געלעבט א ייִד, וואָס האָט געהייסן מויכער-ספרים.
געשריבן האָט דער ייִד — דער קניגאָנאָשא
אף דער שפּראך פון פאָלק מײַנעם, אף מײַן מאמעס לאָשן.
אין אָדעס ער שלאָפט אצינד, דער זיידע.
ארום אים — אף טויזנט מײַל
די אויסגעקוילעטע, די פארברענטע איידע.
אין א יאָר פון ווייטעק,
אין א יאָר פון אומגליק בייזן
האָט דער זיידעניו געהייסן:
— שרײַבן זאָלן אייניקלעך מיט גאַל,
מיט בלוט מיט הייסן. —
איצט גייט אדורך מײַן פאָלק דורך ווארעמס און דורך קאלטס.
איצט שטעקט באַם פאָלק מײַנעם א מעסער אינעם האלדז.
פון ראָטערדאַם און ביזן שווארצן יאַם —
מייסים, מייסים, מייסים.
טיפער קאָן אף גאָר דער ערד ניט זײַן קיין וווּנד,
טיפער קאָן אף גאָר דער ערד קיין ווי זײַן.
שרײַבן איצטער, כאַווער גענעראַל,
שרײַבן הײַנט די אייניקלעך מיט גאַל,
מיט לעבן אייגענעם,
מיט בלוט מיט הייסן...
עס יאָגן שטראָמען אפּן שליאַך און אינעם וואלד,
אף שטעגלעך דאָרפישע און אף די פלעצער פון די הויפּטשטעט:
— באַצאָלט, באַצאָלט, באַצאָלט פאר אלץ! —
די שטראָמען פון מײַן פאָלק, אָ, כאַווער גענעראַל,
פאָדערן דעם לוין דעם רויטסטן...

אין מאַלבעש רויטאַרמייִשן

י. דאָברושינען

איך בין אין ווײַטער מיזרעכדיקער שטאָט
אַרײַנגעטראָטן
אין מאַלבעש רויטאַרמייִשן,
מיט צאָרן אָנגעלאָדן.
ס'איז לײַכטער מיר געוואָרן:
ס'איז א מענטש אין אָט-דער שטאָט דאָ,
ווי אַן אָנזאָג
אַף די שפּעטערדיקע גנאָדן,
ווי מײַן שיינער יִכעס,
ווי מײַן ליבע שליכעס,
ווי מײַן קרעפטנדיקער באָדן.

עס האָט דער מענטש דערשפּירט,
עס האָט דער מענטש דערפילט:
געקומען בין איך
ניט פון לײַכטער, ניט פון פּוסטער שפּיל.
כ'בין אָפּגעקומען ניט קעדיי מיט גאָרניט אָפּקומען,
ניט קעדיי פאַרביליקן די פּײַן, דעם וועג, דעם ציל.
דער מענטש האָט א געלעגער אויסגעבעט מיר
אַפן דיל.
געוועזן איז דער געלעגער הארט,
נאָר ס'איז דער מענטש געוועזן צארט.
איך האָב געהערט, געהערט:
ער זאָגט די ווערטער מיר די טיף-באַגערטסטע,
די רייד די פרײַנטלעכע,
פאַר שווערער לייד — די גוטע רייד די ערשטע.

עס איז געוועזן דעם הארצן מײַנעם — א רעפוע,
א יעשוע —
פאַר שאַרפע ווייטעקן, פאַר שווארצע פּכאָדים,
פאַר בייזע אומגליקן, פאַר גרויסע שאָדן.

איך האָב געהערט, געהערט,
געהערט,

און אופגעגאַנגען איז אין מיר
מײַן ווערט,
און יונגע קויכעס מײַנע
האָבן זיך פאַרשטאַרקט, פאַרמערט,
ווי כ׳וואָלט זיך צוגעטוליעט
צו דער ערד, וואָס נערט,
צום זאַפטיקן, צום כּיעסדיקן באָדן.

כ׳האָב לײַט א סאַך געוווּסט,
נאָך מערער כ׳האָב דערקענט שוין.
ס׳איז טײַער מיר דער גרוס,
וואָס איז ניט פּוסט,
דער גרוס דער עמעסער
אין אויגן פון א מענטשן.

די יונגקײַט מײַנע
פלעג אזוי טאָן:
זי פלעג די לײַט אַרויסברענגען אין פעלד אַרײַן,
אַקעגן ראַכוועסן אין פרילינג-טאָג צעבלויטן
און יעדערן פון זיי א פרעג געבן:
— ווער ביסטו?
אַקעגן ווײַט און הייך אין בלוי
דו ווערסט ניט קליין? דו ווערסט ניט נישטיק? —
הײַנט ברענג איך לײַט אַרויס
פון שמאָלן הויז
אין סטעפּ אַרײַן,
ווו ס׳איז דאָס פּײַער גרויס,
איך שטעל אַוועק זיי
נאַקעט, בלויז
אַקעגן הייך
אין פלאַקער-רויטס,
אַקעגן ווײַט
אין פלאַקער-רויטס.

אין די פעלדער
ווילדע כּײַעס וואָיען.

אין די וועלדער
גוואלדעווע פארגוואלדעוועטע פרויען,
די מאכנעס מײַנע שפאנען בײַקומען
דעם טויהו-וואָוויהו.

איך גיב די לײַט א טראָג, א יאָג
דורך פלאמיקן ניסאָיען.

און עמעצן איך זאָג:
— נאָענטער!
ווען אלעס האָט געברענט דאָ,
דו ביסט א מענטש געווען דאָ.
דו בלײַבסט א כאווער מיר,
דו בלײַבסט א ברודער מיר
אפ שטענדיק...

שטראלן

כ׳קען זייער וויניק אײַך. נאָר יענער אומגעריכטער קוש
נאָך מײַנע לידער וועגן קריג און וועגן ביטערן פארלוסט,
וועגן פעלד מיט ביינער מענטשישע, וועגן אָפּערונג און וועגן טיפן צאר —
עס איז בא מיר א גוטער און א ליבער האָנאָראר.

עס איז מײַן ליד בארימט, נאָר איך בין ניט בארימט.
ניט קיין באלאגאנען-אײַנרופער געהערט מײַן שטים.
כ׳גיי אום אין שטעט און זוך אפ פענעמער דעם צעלעם-עלויקים.
ס׳טרעפט: אפ געזיכטער פרויישע דערזע איך אים.
אָ, ניט דעם אור-זיידע, אָ, ניט דעם האָריקן, דעם שפרינגענדיקן אפ,[1] —
נאָר אים, מיט טיפן כיין זײַנעם, מיט זײַן געבענטשטער קראפט, —
יאָ, אים, דעם ווילן מיין דעם אײַנגעקערפערטן, דעם שיינעם זין פונעם באשאפ.

ס׳טרעפט: פלוצעם, פלוצעם, אומגעריכט
באלוינט אין שווערן וואָגל אפ די טראָטוארן מיך
זײַן זוניק לײַב, זײַן גײַסט זײַן ווארעמער.

1 מאלפע (דײַטש).

א בליק, א שמייכל נאָר, א העלער שטריך,
אנ אָנדײַט אפ זײַנ ליכט —
כ׳דערשפיר די גוטסטקײַט פונ געוויִנישנ געבירער,
אונ, אײַנגעוויקט אינ בלוט, די פעלדער נעמענ זינגענ שירע.

כ׳בינ אלט שוינ מער ווי פערציק יאָר,
אונ גראָווקײַט האָט באדעקט שוינ מײַנע האָר.
כ׳האָב זומערנ אונ ווינטערנ א סאך שוינ דורכגעטראָטנ.
כ׳האָב האָנאָראַרנ שוינ א סאך באקומענ אונ צעשאָטנ.
איך גיי אצינדערט א געעלטערטער אונ א געניטער
דורך סרייפע אומגעהויערער, דורך גרויזאמענ געוויטער,
נאָר אלצ דאָס זעלבע יינגעלע, דער זעלבער גלויביקער, דער זעלבער נאר —
איך בענק נאָך אונ איך ווארט נאָך אונ איך גאר
נאָכנ בעסטנ, נאָכנ שענסטנ האָנאָראַר.
כ׳גלייב נאָך: אָט וועט זי באוויַזנ זיך, אָט באלד —
זי — מיט די שטראלנ מיט די גאָלדענע פונ זײַנ געשטאלט.
אונ ס׳וועט די פרייד די גרעסטע מיך באגליקנ,
אונ שטארבנ וועל איך מיטנ שענסטנ טויט — בינשיקע.

דורך אָט דער וועלט

אנטשולדיק מיר מײַנ וויסט אונ פינצטער אויסזענ:
איך לעב אפ אָט דער וועלט שוינ פיר יאָרטויזנט.
איך האָב געבויט די פיראמידנ אינ עגיפטנ.
אנטשולדיק מיר, דעמ אוראלטנ פארליבטנ.

כ׳בינ מיט מײַנ פאָנעמ, מיט מײַנ גוידל אינ מײַנ פאָלק געראָטנ.
געטראָטנ אינ דער אייביקײַט, כ׳ווער אייביק ניט צעטראָטנ.
געדראָשנ אינ דער אייביקײַט, כ׳ווער קיינמאָל אויסגעראָטנ.

פונקט ווי מײַנ פאָלק, איך צאָל די מוירעדיקע דוירעס מוירעדיקנ שטײַער.
פונקט ווי מײַנ פאָלק, איך ברענ, אונ עס פארברענט מיך ניט דאָס פײַער.

איך בינ געגאנגענ קעגנ פרעכע גריכנ מיט די יונגענ — די מאקאבימ.
איך בינ געגאנגענ מיט די רוסנ קעגנ פרעכע פרוסנ, קעגנ ווילדע שוואבנ.
איך טראָג אינ זיך די שווערע טרערנ פונ די קינדער אינעמ מיטנ מאבל.

אצינדערט טרינק איך פונעם קאָס די ביטערסטע פאַרדראָסן.
אצינדערט גיי איך אום, פון קאָפּ ביז פיס מיט בלוט באַגאָסן.
אצינדערט ליג איך אין די טיפע ריוון, ווי א הונט, צעשאָסן.

הײַנט בין איך מיד מעסוקן.
הײַנט אײַנגעבויגן איז מײַן רוקן.
הײַנט בין איך דאַר און טרוקן.
הײַנט פול בין איך מיט ווײ און פול מיט צאַר בין.
נאָך כ׳לעב און לעב און כ׳וועל ניט שטאַרבן.

מאָרגן וועט אדורכגייען א רעגנדל. וואָס איז מעכײַע.
כ׳וועל אופשטייען אַן ערשט-געבוירענער, א שפּאָגל-נײַער.

ווי נאָר א ווינקעלע פון אויג דײַנעם צעווינקסטו,
ווי נאָר דאָס קעלעכל — דאָס קוועלעכל גאַנצפרי צעקלינגסטו,
כ׳וועל לאָזן זיך אין ווײַט, דער ייִנגסטער און דער פלינקסטער, —

פון פעלד, וווּ ס׳האָבן שטיוול מיך געקנאָטן,
פון פעלד, וווּ מ׳האָט די אויגן מײַנע מיט צעגליטן בלײַ פאַרשאָטן,

פון פעלד, וווּ ס׳האָבן מיך געפּיקט די הונגעריקע ראָבן,
פון פעלד, וווּ מע האָט מיך מיט איידע מײַנער לעבעדיקערהייט באַגראָבן —
פון סטעפּ דעם גרויזאַמען, פון סטעפּ דעם ברייטן

איך וועל דיר ברענגען אומגעהייער-רויטע, פײַערדיקע קווייטן,
עס זאָל לײַכטער, פריידיקער דיר, זוניקע, דיר, ווונדערלעכע פרוי, זײַן.

אנטשולדיק מיר מײַן וויסט און פינצטער אויסזען:
איך שפּאַן צו דיר דורך אָט דער וועלט שוין פיר יאָרטויזנט.

אָנדענק

ה. שוועדיקנ

אינ טאָג צעטרייסלטנ, אינ וועלט פארבלוטיקטער
מיט אויגנ מיט געעלטערטע ארויסגייג:
די רויטע שטראָמענ זידנ.
ניט פארטיליקט נאָכ דאָס בייז.
ס'טוט וויי דאָס הארצ, ס'טוט זייער וויי.
ווו איז מײַנ טרייסט?
עס האָבנ יונגע פרײַנט
דערמאָנט מיכ אפנ שלאכט-פעלד פארנ אויסגיינ.
עס האָט א כאווער מײַנער
אינ סאנטייל,
אינ בלוט פונ וווּנד,
וואָס קאָנ ניט ווערנ אויסגעהיילט,
אינ היצ פונ גסיסע,
פארנ אויסהויכ פונ נעשאָמע
דערזענ מײַנ פּאָנעם
אונ דערמאָנט מײַנ נאָמענ
אונ האָט דערפילט,
אז כ'קוש אימ, כ'קוש אימ הייס.

אָט איז אינ טאָג אינ בלוטיקנ
מײַנ טרייסט.

אפ שלאכט-פעלדער פונ צאָפנ,
אפ שלאכט-פעלדער פונ דאָרעמ
די כאווײרימ מײַנע שלאָפנ
אינ די פרישע קוואָרימ.

זאָל זײַנ מײַנ וואָרט — א שייד
פאר זייער ניט געשטילטנ צאָרנ.
זאָל זײַנ מײַנ ליד — פאר זייער שטראלנדיקנ בלוט
א שאלנדיקער האָרנ.
זאָל זײַנ א טעמפל זיי
מײַנ שטענדיק שלאָפלאָזער זיקאָרנ.

זאָל זײַן מײַן וואָרט —
פֿון זייער הייסער שטומעניש א הייסער כיילעק.
זאָל זײַן מײַן וואָרט א דענקמאָל זיי אַף אלע יאָרן:
— היילִיק! היילִיק! היילִיק! —

נאָך אַף די שטרעקעס ניט פֿארמעקט
די פּײַן, די שרעק.
ס'טוט ווי דאָס הארץ.
אוי, לאָמיך נעבן ברעג פֿון וועג
אין זײַלן גאָלדענע
פֿארוואנדלען מײַן פֿארמעג.
כ'בין דורכגעגאנגען ווערסט א סאך.
כ'בין דורכגעגאנגען ניט פֿארפּלעקט.
כ'האָב מיט מײַן פֿאָלק געטיילט
דעם טיפֿסטן ווייטעק.
אין פֿײַער זײַנען מיר מיט פֿאָלק מײַנעם
געבליבן ניט צעשיידטע.
זאָל זײַן מײַן וואָרט, מײַן הארציק וואָרט —
א קוויטל,
זאָל זײַן מײַן וואָרט, מײַן שווערדן־וואָרט —
א שוווּע
אַף די כאווײרים מײַנע אינעם ריוו,
אַף זייער אייביק רו־אָרט.

ס'קער ערגעץ זײַן דאָך א געצעלט,
אַוווּ צונויפֿגעזאמלט ווערן אלע פֿראָטים.
ס'קער ערגעץ זײַן א פּלאַץ אַף דער וועלט,
וווּ פֿריש און ניט פֿארוועלקט בלײַבט יעדער אָטעם.

זאָל דאָרט פֿארצייכנט זײַן,
אַז דורכגעגאנגען דורך א גרויסן דאָר כ'בין,
אַז מיט כאווײרים כ'בין אין פֿלאַם געווען
און בין מיט זיי געשטאָרבן,
און אופֿגעלעבט איך האָב מיט זיי אין וועלט אין טײַערער,
פֿון סאָנים און פֿון ווייען אויסגעלייזט.

אָט איז אין טאָג אין בלוטיקן
מײַן טרייסט.

נעבן קיעוו

א

ווי ווויל, ווי ליב, ווי צאַרט עס האָט א קלונג געטאָן:
— געגנומענע ניעזשינו! —

עס האָט אינ הארבסט א שמעק געטאָן מיט קיִעווער פרילינגנ,
מיט קיִעווער בעזנ.
שוינ נאָענט דארניצע...
פונ אלעמ צאר ווער, לאנד, ווער, הארצ, גענעזנ.
די קיִעווער גערטענער —
אפּ הויכנ בארג איכ זע זיי שוינ, איכ זע זיי.

ווי ווויל, ווי ליב, ווי צאַרט עס האָט א קלונג געטאָן:
— געגנומענע ניעזשינו! —

אונ ווידער יאָגנ וועט צו אונדזער שטאָט דער שיינער
אונדזער שנעל-צוג.
אונ ווידער פריי
צעפּראלט, צעשטראלט פאר אונדז די וועלט זיכ.

ס'וועט שווער נאָכ זיינ?
דאָרט צווישנ גופימ פאלנדיקע אויכ מיינ גופּ פאלט.
ס'איז אויכ מיינ ברוסט געשטעלט נאָכ
קעגנ שפּיז אונ קעגנ שווערד אונ קעגנ בריִענדיקנ צופאל.
נאָר — כאָווער —
איכ זע שוינ: אָט, אפּ יענער זייט פונ טייכ,
מיט צוזאָגנ מיט וווּנדערלעכע רייכ,
מיט גינגאָלד טייערנ עס רופט
דער קופּאָל פונ דער לאווורע.

הערט נאָר, הערט נאָר!
הערט נאָר!

עס שמעקט אפּ שטרעקעס אונדזערע
מיט וועסנעס אומפארגעסלעכע פונ קיִעווער גערטנער!

...מע האָט דיר, שיינער מיינער, בליִענדיקער קיִעוו,
די אויגנ אויסגעשטאָכנ, דיכ ארופגעצויגנ אפּ א טליִע.

מ׳האָט דיך געקרייצט. מ׳האָט דיך געפּערטלט.
נאָר דו ביסט דאָ. דו לעבסט. דו ביסט אַפֿ אונדזער ערד דאָ.
און ווי די בערג דײַנע, איז הויך דײַן שיינקייט און דײַן ווערדע.
מיר וועלן היילן דיך מיט אונדזער טיפֿסטן צערטל.

עס וועט דערהערן אַפֿ דער וועלט די ווײַטסטע וויספּע
דעם הילך פֿון אונדזער הארבן מישפּעט.

וועסט, קיוו, אופֿשײַנען מיט יעדן ווינקעלע, מיט יעדן גרעזל.
מיט קושן וועלן מיר דיך אויסהיילן פֿון אַלץ, וואָס איז מיט דיר געווען...

...ווי וויל, ווי ליב, ווי צאַרט עס האָט אַ קלונג געטאָן:
— גענומענע ניעזשין! —

ב

מיר שלאָגן זיי. מיר יאָגן זיי.
עס טראָגט דער ווינט זיי.
דו, טײַוול פֿינצטערער,
וואָס האָסט געוואָרגן און געסאַמט,
צום דניעפּער כ׳בין געקומען
און איך ליג אין זאַמד,
אין זאַמד אין וואַרעמען
פֿון מײַן טרוכאַנער אינדזל.

און אַקעגן,
אָט, אַפֿ יענער זײַט, אַקעגן —
איבער מירמלדיקע שוועלן
האָט דעם טעמפּל אופֿגעהויבן צו דער הייך
ראַסטרעלי.

און אַקעגן,
אָט, אַפֿ יענער זײַט, אַקעגן
אין די גערטנער ווינקט
אַ לויטער-אָסיענדיקער פֿרײַ מיר.
און צו קאַנטן,
וואָס זיך קינדעריש פֿרייען,
און צום לאַנד מײַנעם,

וואָס וועט ניט אונטערגייען,
טײַט וולאדימיר.

אלעס, אלעס, אלעס
זעען אזוי קלאָר
אין טאָג צעדונערטן,
אין נאכט צעבליצטער.
פון אזויפיל זעונג,
פון אזויפיל וואָר
ווי האָסטו עס, מײַן הארץ,
נאָך ניט געפּלאצט ביז איצטער?

דאָרט, אף יענער זײַט, אקעגן,
אף די בערג די ווילע,
דאָרט, אף יענער זײַט, אקעגן,
אין די גראָזן פון בעסוילעם
מײַנע ברידער ליגן אויסגעשאָכטן,
מײַנע ברידער — אויסגעקוילעט.

דאָרט, אף יענער זײַט, אקעגן —
וואלגערט זיך אין בלוט מײַן דאָר.
אויגן דורכגעבויערטע,
ציין פארקריצטע.
פון אזויפיל זעונג,
פון אזויפיל וואָר
ווי האָסטו עס, מײַן הארץ,
נאָך ניט געפּלאצט ביז איצטער?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב געדענקט דיך אומעטום און אלעמאָל,
אין אָוונטן און אין באגינען...
דורך פינצטערניש אין צאָפן-נאכט
עס האָט געיאָגט מײַן לאסט-מאשין.
און פון דער פינצטערניש האָט אפן שליאך
באוויזן זיך א גייער.
ס׳איז פון דער פינצטערניש ארופ אף מײַן מאשין
א רויטארמייער.
און ווערטער צוויי א זאָג געטאָן,

ווערטער צוויי, וואָס שטעכן און וואָס בריִען:
— געפאלן
קיִעוו...

ס'האָט צאָרן מיר דעם הימל מײַנעם
מיט א שוואַרצן טוך באדעקט.
ס'האָט צאָרן מיר די טיפן מײַנע
אופגעריסן, אופגערעגט:
— עס איז דער פײַנט מײַן לאנד באפאלן פרעך.

ווי קאָן איך דוען אין די טעג,
ווי קאָן איך שלאָפן אין די נעכט,
ווען ס'האָט דער פײַנט מײַן ערד פארפלעקט,
ווען ס'איז מײַן שטאָט פארשוועכט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

כ'בין אפן דיל אין שטוב אין דאָרפישער
נאָך קריגערישן וועג — אין שלאָף אוועק.
כ'בין אפן דיל אין שטוב אין דאָרפישער
געלעגן מיד, געלעגן מאט.
און ס'האָט א קאָל
מיך אופגעוועקט —
באם שײַן פון קאניצל
א רויטארמייער לייענט פון א בלאט:

— 52 טויזנט אפ לוקיאנאָווקע פארזאמלט.
געווען דאָרט גראָער זאָקן און געווען דאָרט יונגע מאמע...—

עס האָט מײַן האנט
א יאָג געטאָן זיך צום נאגאן:
— עס איז א ריכטער אפ דער וועלט פאראן!
עס איז א מישפעט אפ דער וועלט פאראן!
מיר וועלן, קיִעוו-שטאָט, זיך אומקערן
אין רויך פון סרייפעס.
מיר וועלן, קיִעוו-שטאָט, זיך אומקערן
צום אש פון דײַנע הייפן,
און ס'וועט באלויכט ווערן פאר יעדן וויי-געשריי
פון יעדן קליינעם אייפל... —

ג

איך וועל אָנטאָן שוואַרצע טרויער־קליידער
און וועל גייען זוכן מײַנע שכיינים.
איך וועל אָנטאָן שוואַרצע טרויער־קליידער,
כ׳וועל אין גאַסן אומגיין און ניט וויינען.

מאָנען וועט דאָס בלוט אַף בערגלעך און אין סעדער.
מאָנען וועט דאָס בלוט אַף שטיינער און אַף פּלויטן.
וועל איך אויסטאָן מײַנע שוואַרצע טרויער־קליידער.
וועל איך אָנטאָן קליידער פײַער־רויטע.

און ס׳וועט נאָכגיין מיר דער גוואַלד־געשריי פון מאַמעס,
און ס׳וועט נאָכגיין מיר דער קינדערשער געיאָמער.
און אַף מײַרעוו, דורך די שטעט, וואָס פלאַמען,
וועלן מיר זיך לאָזן אַף נעקאָמע.

ד

אַלע וועגן וועלן זיך פאַר זיי פאַרוויקלען.
ס׳וועט ניט זײַן אינערגעץ ניט פאַר זיי קיין מיקלעט.

ס׳וועט ניט זײַן אינערגעץ ניט פאַר זיי קיין רעטונג.
ווו זיי וועלן נאָר א שפּאַן, א טרעט טאָן,
וועט א שטיין דעם קאָפּ זיי פּלעטן.

וועט א פויסט א פעסטער זיי דעם קאָפּ צעברעכן.
וועט א שפּיז א שאַרפע זיי דאָס האַרץ צעשטעכן.

אַלע וועגן וועלן זיך פאַר זיי פאַרוויקלען.
ס׳וועט ניט זײַן אינערגעץ ניט פאַר זיי קיין מיקלעט.

ביז דײַן האַרץ, אָ, קיִעוו־שטאָט, וועט זיך ניט קילן.
ביז דײַן בלוט, אָ, קיִעוו־שטאָט, וועט זיך ניט שטילן.

אַנ טומל

ע. פאַלקאָוויטשב.

די שלאכט די היציקע, די ערד אינ אופרײַסנ,
די וויכערנ מיט אש —
ניט אינ ראש. אפילע ער אליינ, דער ראש,
דער הילכ דער קרעפטיקער פונ אונדזער האס,
דער קנאל דער מעכטיקער פונ אונדזער סינע
וועט בלײַבנ עטעמענ אפ גאַר דער וועלט
אינ שטימ פונ שטילקײַט דינער, דינער.

ס׳איז שטרענג, געצוימט
אונ טיפ-באשיידנ
דער הוילעכ פונ דעד העלדישקײַט,
דער בליק פונ אָפּגעהיטע ליידנ.

דער, וואָס איז דאָרט געווענ,
וועד ס׳האָט פארזוכט דעמ טאמ פונ לעבנ אונ פונ טויט דאָרט,
דער ווײַכט פונ פלוידערײַ
אונ טרײַבט די פוסטעניש אונ זיכ ניט רימט
אונ זיכ ניט גוידערט.
בעסוידע-סוידעס וועגט ער אָפּ די ערד
מיט ריכטיקע, מיט פינקטלעכע געוויכטנ.
ער גייט אדורכ דורכ טעג אונ נעכט
מיט טריט ניט שרײַענדיקע אונ מיט פעסטע רעכט
צו זײַנ דער ערלעכער, דער עכטער ריכטער.

איכ קוק אינ אויגנ אימ ארײַנ.
איכ זע דאָרט שטארקײַט אונ איכ זע דאָרט פײַנ.
איכ זע דאָרט הונדערט טויזנט פײַערדיקע בילדער.
קיינ שפור פונ טומלעניש.
קיינ סימענ פונ געפילדער.
ס׳איז זייער טיפ דאָרט
אונ ס׳איז זייער שטיל דאָרט.
ס׳קוקט אפ דער וועלט א שויפעט פונ דער וועלט.
ס׳קוקט אפ דער וועלט א פרײַנט א מילדער.

דער, וואָס איז דאָרט געווענ
אונ האָט מיט טויזנטער געשטורעמט אונ געצאפּלט,
היט אָפּ זײַנ נײַ-געקראָגנ האָב-אונ-גוטס,
דעמ ווי זײַנעמ, ווי דעמ שווארצאפּל.
ער טרײַבט די דריבנעקײַט,
ער יאָגט די נידעריקײַט אונ דעמ פּלאפּל.
ער ווייסט אליינ זײַנ גראד,
ער ווייסט אליינ זײַנ שטאפּל:

ער קענ דאָס זיגערישע פאָלק
אפּ יענער זײַט פונ ווײַטע האָריזאָנטנ,
ווי דעמ סאמע היימישנ,
ווי דעמ סאמע נאָענטנ.

וואָס דארפ ער לויב,
אויב ער אליינ דאָ טוט זיכ בוקנ
פאר שטראלנ אינ די שטויבנ אפּ דער ערד,
פאר אומשולדיקע טויבנ אינ דער הייכ,
פאר זינגענדיקע קינדער פונ דער צוקונפט.

דערווײַל איז אימ גענוג —
א כאווערישער · קוק,
א רופ פונ א פארוווּנדעטנ — א דורכגייער מיט אומבאוווּסטנ נאָמענ:
— ברודער מײַנער פונ דער פּאָטערלענדישער מילכאָמע! —

מײַנ מאכנע רופט

א טיפער פרילינגדיקער וואלד מיט הויכע סאָסנעס.
עס וועקט מיכ אופ גאנצפרי א גלעטנדיקער שטראל.
קיינ קנאל אונ קיינ געשריי, קיינ גוואלד, קיינ שאָס ניט.
ס'איז מיר געשענקט א שאָ אפּ אָפּרו, אפּ „פּריוואל".
כ'האָב אפּ א רעגעלע די מידע אויגנ מײַנע צוגעשלאָסנ.
כ'זע אלצ. עס פעלט קיינ אָפּ. כ'זע אלצ.
ס'איז די געדיכטעניש, ווו מיטנ כאִיל מײַנעמ כ'טאָג אונ נעכטיק.
מײַנ כאִיל מאָנט: — זאָג וועגנ אונדז דאָס וואָרט דאָס עכטע! —

כ׳וואָלט עס נאָ־לאַנג, גאָר לאַנג געהיט אין טיַיערסטן פֿון סייפֿן —
אַלץ, וואָס געשען, אַלץ, וואָס געזען, געהערט, געטאָן.
נאָר ס׳מאָנט די מאַכנע מיַינע און עס מאָנט די סרייפּע.
עס מאָנען די קאָרבאָנעס אונטער הונדערט טויזנט טאָן.
עס מאָנט דאָס בלוט, וואָס האַסטיק שלאָגט אין מיַינע שלייפֿן.
עס מאָנט דער פֿריַינט דער אומגעקומענער: — פֿאַרשריַיב, דערמאָן! —
זאָל זיַין דער האָריזאָנט פֿון פֿרילינג מיַין גוטווינטשנדיקער פֿאָן.
כ׳טו, ווי איך קאָן. כ׳טו, ווי איך מוז. כ׳הייב אָן.

מיַין כאַיל איז מיט מיר. לעם שויב, אָט-אָט, אַקעגן —
דריַי טויזנט פֿענעמער, מיַין יאַראָסלאַוולער פּאָלק.
אַף אייביק האָט פֿאַרכאַווערט אונדז דער קוילן-רעגן,
דער שניי, דער פֿלאַם. דער וועג, דער שווערער אָל.
כ׳ליג קאָפּ צו קאָפּ באַם שפּיַיטער מיט מיַין צאָפּנדיקער געגנט.
די וואָלקנס איבער אונדז, און אין די הענט — דער שטאָל.
עס בעטן שעטעכנ מיט לײַב אין פֿיַיערדיקע טעג-מעסלעסן:
— די פּעדער נעמ! פֿאַרשריַיב! מע זאָל אונדז ניט פֿאַרגעסן! —

כ׳וועל אַלץ פֿאַרצייכענען, און עכט וועט זיַין מיַין לאָשן,
ווי ניט געפֿעלשט דער סאָד איז, וואָס די ערד האָט מיר פֿאַרטרויט,
ווי אופֿריכטיק עס איז געווען מיַין פֿריַינט, וואָס איז ניִשטאָ שוין,
ווי עמעסדיק דאָס גאַרן נאָך ניצאָכן און נאָך ברויט.
כ׳וועל אַלץ פֿאַרצייכענען. ס׳וועט זיַין דאָס וואָרט מיַינס פּאָשעט,
ווי גאָר דאָס לעבן און ווי גאָר דער טויט.
מיַין וואָרט וועט זיַין אי פּראָסט, אי גאָר ניט אַזוי פּראָסט,
און ס׳וועט פּולבלוטיק זיַין: ס׳האָט בלוט אַ סאַך געקאָסט.

זאָגט איינער: — ווויל. נאָר צו אַוועלכן פֿון די זשאַנרען
פֿאַרעכענען? — און נאָכעט איינער זאָגט:
— עס איז דאָ, דאַכט זיך, ווייניק פֿילאָסאָפּיע פֿאַראַנען,
און, דאַכט זיך, צופֿיל פּרימיטיווס די ליד פֿאַרמאָגט. —
עס איז דער זשאַנר פֿון שלאַכט-פֿעלדער און זעלנערישע באַנען!
עס איז דער פּרימיטיוו פֿון אופֿריַיסן און גרימצאָרן און הייסער קלאָג!
די גרוילן מעסט איר, וועגט איר, ווי דעם מישקל פֿון פּאָעמעס,
און איך ווייס איינס: פֿאַראַן דאָ בלוט און עמעס.

קרימט נאָך א פלאַץ-פּאיאַץ, א ווערעמדיקער ניט-פאַרגינער,
א נישט, וואָס טאַנצט און לעצוועט, און פּרעסט און זויפט.
מײַן מילדקײַט לאַכט פון זיי, דעם קאָפּ זיי פּלעט מײַן סינע:
— היי, איר, מײַן מויעך איז נאָך שטאַרק צום שאַרבן צוגעשרויפט.
מײַן זינען דינט מיר נאָך ווי די געטרײַסטע פון מאַשינען.
מײַן האַרץ איז ניט פאַרבלענדט און ניט פאַרשווענדט און ניט פאַרשטויבט.
עס קראַכן שטעט מיט הילך. דער בלוט-אָקיאָנוס זידט.
איך זינג מײַן ליד מײַן יידישע, איך וויין מײַן ליד.

און דו, וואָס כ׳וואַרט אף דיר, ביזוואַנען ווערסטו זיך זאַמען?
דו קלײַבסט זיך, קלײַבסט זיך אַלץ. מעסלעס גייט נאָך מעסלעס.
און ס׳קומט ניט אָן קיין בריוו און ס׳קומט קיין טעלעגראַמע.
מיט שווערן רויגעז איבעריקן ווערט מײַן האַרץ פאַרפּרעסט.
אוי, ליבע מײַנע, אַלע ערדן, אַלע הימלען פלאַמען.
כ׳וועל אויך פאַרברענט ווערן. נאָר כ׳ווייס דאָך פעסט:
ס׳פאַלט סײַוויסײַ אף יעדן אָס פון אָט די בויגנס
די ווילע, גוטע שײַן פון דײַנע טרײַע אויגן.

מײַן מאַכנע רופט. און אַלע נאַכט עס פליִען באָמבאַרדירער
הויך איבער קאָפּ מײַנעם דורך הימל-שליאַכן צו דער שטאָט בערלין.
ס׳האָט יאָסיף סטאַלין הײַנט געזאָגט — מײַן קאָמאַנדיר און פירער:
— אָט מאָרגן — איבערמאָרגן וועלן די אַנטשיידנדיקסטע שלאַכטן
זיך צעגלי׳ן. —
א טיפער וואַלד. א סאָסנע-דאַך. א צופעליקע דירע.
מײַן לירע פליט מיט דיר, מײַן רויטע לופט-מאַשין!
זאָל זײַן דער האָריזאָנט פון פרילינג מײַן גוטווינטשנדיקער פאָן.
כ׳טו, ווי איך קאָן. כ׳טו, ווי איך מוז. כ׳הייב אָן.

1943

פלאַמיקע באַגלייטער

אפן באַרג

(א קאַווקאַזער פאָלקס-מײַסע)

אפן ווײַסן שפּיץ עלברוס,
אין דער לויכטנדיקער פוסט,
אין דער שײַנענדיקער וויסט
שטייט א פעלדז, א פעלדז א ריז.

לעם דעם גליוועדיקן פעלדז,
אין דער בריִענדיקער קעלט,
אפן גליִענדיקן אײַז
שטייט א מענטש דאָרט, גראָ און גרײַז,
מיט א לאַנגער ווײַסער באָרד,
שטייט שוין הונדערט טויזנט יאָר.

בא דעם מענטש — דאָס לײַב אנטבלויזט,
און די נעגל זײַנע — גרויס,
זײַנע אויגן — רויט-צעברענט.
אפן האַלדז און פיס און הענט
הענגט א קייט, א שווערע פענט.

ס'איז געוועזן העט-אמאָל:
אונטן, אינעם מענטשן-טאָל
האָט אקעגן הימל-מאַכט
גרויסער גיבער אופגעוואַכט,

מיט א דראָענדיקן פויסט
קעגן הימל ר׳איז ארויס
און באלאגערט גאָר די הייך,
שיר דעם הימל ניט דערגרייכט.
נאָר פארשפילט האָט ער דעם קריג.
ס׳האָט דער סוינע אים באזיגט.
ס׳האָט דעם סוינעס בייזע מאכט
אים צום שפיץ פון בארג געבראכט,
צו דעם פעלדז אין ווייסטער ברייט
צוגעשמידט אים אפּ א קייט.

קומט א דאָר. א דאָר פארגייט.
ס׳איז דער הויכער שפּיץ פארשנייט.
ווינט. און אייַז. און שניי. און שניי.
נעבן מענטשן — היטערס צוויי,
דינער פון דער הימל-מאכט,
גיבן אכטונג טאָג און נאכט,
אז דער זאָקן שטילערהייט
ניט צערייַסן זאָל די קייט.

אונטן אינעם מענטשן-טאָל
האָט שוין עמעצער געוואָלט,
האָט שוין עמעצער געפּרוווט
צו דעם שפּיץ פון בארג ארויף —
גרויסן גיבער, שטאָלצן מענטש
צו באפרייַען פון דער פענט.
ס׳האָט דעם סוינעס ווילדע קראפט
זיי געכאפּט און זיי צעקלאפּט,
און האָט זיי פארשלייַדערט טיף
אינעם כוישעכדיקן ריוו,
דעם געביינ צעוויַיט, צעזייט...

הויך דער שפּיץ, און שטארק די קייט.
אייַז. און שניי. און שניי. און גאָר.

איינמאָל אין א הונדערט יאָר
כאפּט דער אלטער מאן זיך אוף

און די היטערס גיט א רופ.
גייען צו די שאָמריס צוויי.
גיט ער שטיל א פרעג בא זיי,
קוים צו הערן, וואָס ער רעדט:

— ס'איז נאָך אלץ דער טאָל געפלעט?
ס'בויגט זיך אלץ נאָך דער טשערעט?
ס'מערן זיך אפ דר'ערד די שאָפ?
אלץ אומזיסט-אומנישט איך האָפ? —

מ'האָט געזאָגט אים נאָך דער שלאכט,
ווען מ'האָט אים צום פעלדז געבראכט:
— „קומען וועט דײַן וויי צו ענד,
דו וועסט ווערן פרײַ פון פענט,
ווען אפ דר'ערד ניט וואקסן וועט
קיין שום בויגיקער טשערעט
און ווען-נעמען וועט א סאָף
צום פארמערן זיך פון שאָף...”

יאָרן טויזנטער פארגאנ.
כאפט זיך אופ דער גראָער מאנ:
— אפ דער ערד טשערעט זיך בויגט?
שאָפ זיך מערט מיט שרעק אינ אויג? —

שאָמרים ענטפערן אים: — יאָ,
גרויסער גיבער, גרײַז און גראָ!
ס'וואקסט נאָך דער טשערעט אפ דר'ערד,
א'ן די טשערעדע זיך מערט.
ס'פרוכפערן זיך שטילע שאָפ,
ניט געענדיקט נאָך די שטראָפ... —

אז דער גיבער עס דערהערט,
פול מיט גרימצאָרן ער ווערט.
פול מיט קאעס און מיט לייד,
רײַסט ער דאנ אפ זיך די קייט.
פון דער הייך געוויטער גייט,
זיך אפ גאָר דער ערד פארשפרייט:

קייטן-קלונג אפּ לענדער פאַלט,
זיך מיט דונערן צעקנאַלט.
פונקען יאָגן פונעם שפּיץ
צו דער נידער — בליץ נאָך בליץ.
ס׳פּליט דער אָטעם פונעם מאַן
דורך דער ערד — אַן אוראַגאַן.
ס׳קרעכצט דער הויכער פעלדזנשטיין,
אָפּגרונט ענטפערט מיט געוויין.
פונעם גליווערדיקן פעלדז
יאָגן דורך דער גאַנצער וועלט
רויטע טײַכן פלאַקער-הייס,
יאָגן שטורעמדיק און בייז,
מיט אַ ברומענדיקן קאָל
צום פאַרשקלאַפטן מענטשן-טאָל.

שטייען טויזנט העלדן אויף.
אײַלן העלדן צו דעם רוף.

דער יונג און דאָס מיידל

(אַ קאַבאַרדינישע פאָלקסליד)

ד אָ ס מ י י ד ל:

כ׳ווער אַ טויב. אין הייך, וואָס האָט קיין ברעג,
איך וועל אַרופֿפליִען און וועל אַוועק.
וואָס זשע וועסטו דעמלט אויפטאָן?

ד ע ר י ו נ ג:

כ׳ווער אַ סאָקאָל. גיכער פונעם ווינט
וועל איך דיר נאָכיאָגן, דעריאָגן דיך געשווינד.
וואָס זשע וועסטו דעמלט אויפטאָן?

ד אָ ס מ י י ד ל:

וועל איך ווערן דאָן אַ פלינקער האָז.
כ׳וועל אין טיפן וואַלד אַנטלויפן. וואָס,
וואָס זשע וועסטו דעמלט אויפטאָן?

ד ע ר י ו נ ג:

כ׳וועל דער שנעלסטעד פון די יעגער־הינט.
כ׳וועל דיר נאָכיאָגן, דעריאָגן דיך געשווינד.
וואָס זשע וועסטו דעמלט אופטאָן?

ד אָ ס מ יי ד ל:

ווּיטע פראָסע כ׳וועק און זיך צעשיט
אין דײַן הויף און אונטער דײַנע טריט.
וואָס זשע וועסטו דעמלט אופטאָן?

ד ע ר י ו נ ג:

כ׳וועך א הון מיט הינדעלעך אין הויף
און די פראָסע כ׳זאמל דאן צונויף.
וואָס זשע וועסטו דעמלט אופטאָן?

ד אָ ס מ יי ד ל:

איך וועל בלײַבן ליגן יאָרנלאנג
אינעם בעט מײַנעם געפעדלעך-קראנק.
וואָס זשע וועסטו דעמלט אופטאָן?

ד ע ר י ו נ ג:

כ׳ווער א רופע, כ׳קום דאן צו דײַן הויז,
אין איין רעגעלע איך הייל דיך אויס, —
וואָס זשע וועסטו דעמלט אופטאָן?

ד אָ ס מ יי ד ל:

אין א טרונע לייג איך זיך אריַין,
א געשטאָרבענע. איז וואָס וועט זײַן,
וואָס זשע וועסטו דעמלט אופטאָן?

ד ע ר י ו נ ג:

ווער איך די טאכריכים דײַנע, און דײַן לײַב
כ׳נעם ארום דאן און מיט דיר פארבלײַב.
וואָס זשע וועסטו דעמלט אופטאָן?

אזוי האָט סאאדי געזאָגט

...Как Сади некогда сказал...
А. Пушкин.

א

אין יאָר, ווען ס'איז דאָס פעלד פארסארפעט, טרוקן,
אין יאָר, ווען ס'איז די מענטשן-פײַן מעסוקן,
ניט פרעג באַם שוואכן מאן, וואָס האָט זיך קוים צו דיר דערשלעפט,
ניט פרעג אים — וויאַזוי ער לעבט,
ניט פרעג אים, איידער ס'וועלן דורך די הענט דורך דײַנע זײַן פארבונדן
מיט היילנדיקן פלאסטער זײַנע וווּנדן.
זאָלסט אים דערלאנגען ניט פארגעסן
וואסער אפ צו טרינקען, ברויט צום עסן.
דו לייג אים אָפּרוען פון דאָרנדיקן וועג —
און נ אָ כ ד ע ם פרעג.

ב

עס קאָן דער אויער לעבן יאָרנלאנג און יאָרנלאנג
און דערבײַ קיינמאָל ניט אופנעמען קיין הארפע-קלאנג.

אונדזער אויג קוועלט אָן פון פארביק-רײַכן סאָד,
נאָר סע קאָן זיך אויך באגיין אָן אָט דער גנאָד.

אויב דו קריגסט קיין קישן, וואָס איז ווייך און ריין,
קאָנסטו שלאָפן אונטערוועגנס אפ א הארטן שטיין.

אויב עס וויל ניט האלדזן דיך דאָס מיידל, וואָס איז שיין,
קאָנסטו, ליבער פרײַנט, דאן האלדזן זיך אליין.

בלויז דער בויך דער נאר איז אײַנגעשפארט, — באנײַס
און שטענדיק זײַנס ער מאָנט און פאָדערט: — שפײַז! —

ג

איך גיי פארבײַ א שול און מיטאמאָל דערהער איך,
ווי צו דעם שילער זײַנעם רעדט. אַן אלטער לערער:
„ווען ס'וואָלט דער זון דער מענטשישער,
וואָס אפ דער גרויסער ערד טוט בענקען,

זײַן צוגעבונדן צו דעם הימל-האר,
וואָס טוט דאָס ברויט אים שענקען,
זײַן צוגעבונדן, ווי צום ברויט,
וואָס איז באַם הימל-האר באַקומען,
מע וואָלט אים דאַן, דעם זון דעם מענטשישן,
אין הימל-הייך אַרופגענומען,
מע וואָלט באַפרײַט פון גאָר דעם יאָך אים,
און ער וואָלט געלעבט דאַן העכער נאָך פון די מלאָכים"...

ד

ס'איז איינמאָל אָפּדערנאַכט, ווען כ'האָב שוין אָנגעצונדן פײַער,
אַרײַן צו מיר מײַן פרײַנט, וואָס איז מיר טײַער.
ער איז אַרײַנגעגאַנגען אַזוי פּלוצעם, אומגעריכט,
כ'בין אים אַקעגן אויפגעשפּרונגען אַזוי האַסטיק, גיך,
אַז מיטן אַרבל כ'האָב פאַרלאָשן דאַן דאָס ליכט.

האָט מײַן פרײַנט געהאַט צו מיר אַ גרויסע טענה:
— וואָס איז געשען?
האָסט מיך דערזען,
פאַרלאָשן האָסט דאָס ליכט, וואָס האָט געטאָן דאָ שײַנען?
כ'פאַרשטיי עס ניט און כ'לייד דערפון. —

— אָ, פרײַנט, איך האָב געמיינט, ס'איז אויפגעגאַנגען די זון...

ה

ס'האָבן הויפלײַט דערציילט דעם מיילעך,
ווי מעדזשנון איז באַטריבט,
ווי מעדזשנון איז פאַרליבט,
ווי ער בענקט נאָך זײַן שיינער ליילע.

— זאָל אַללאַ אַזוי קיינעם ניט שטראָפן!
ר'איז מיט ווייטעקן פול.
ווילד-פאַרצאָרנט און דול,
איז מעדזשנון אין דער מידבער אַנטלאָפן.

טאָג און נאַכט טוט ער דאָרטן שרײַען.
דורך דער מידבער ער יאָגט,

און ער שעלט און ער קלאָגט,
און ער וואָיעט און ברומט, ווי א כײַע, —

האָט געזאָגט דאן דער מײלעך דער קלוגער:
— ס'איז אזא מײַן באגער, —
פון דער מידבער אהער
ברענגט צו פירן דעם יונג דעם מעשוגע! —

מ'האָט צום פאלאץ געבראכט דאן מעדזשנונען.
— איך באפויל דיר, איך הייס:
זאָג, מעדזשנון, ס'ארא בײז
אינעם מענטשן־שטאם האָסטו געפונען,

וואָס די מענטשן־וועלט איז בא דיר נישטיק?
אָן א מענטשיש געשטאלט,
מיט געוואָי און מיט גוואלד,
ווי א כײַע, יאָגסט אום אין דער וויסטע? —

האָט מעדזשנון זיך צעוויינט: — מײלעך־לעבן!
איך אין פײַערן ברען!
ווען מע וואָלט זי געזען,
וואָלטן אלע מיר אלעס פארגעבן! —

— בא דײַן טײַערער בלענדיקע כיינען?
ליפער בליציקע, לויפט!
זוכט זי אוף, צו מײַן הויף
ברענגט צו פירן די וונדערלעך־שיינע! —

מ'האָט געזוכט זי בא שוואָטים בא אלע.
מ'האָט געזוכט טאָג און נאכט,
זי געפונען, געבראכט
צו דעם זאל אינעם מײלעכס פאלאץ,

מ'האָט געבראכט זי דורך הונדערטער שליאכן.
פונעם גילדענעם טראָן
קוקט דער מײלעך זי אָן:
א מיידל א שווארצינקס, א שוואכינקס.

— אָט דערפאר טוט א הארצ אזוי ברענענ?
ס׳לעצטע מיידעלע-קנעכט,
וואָס באדינט אינ די נעכט,
איז דאָכ פּרעכטיקער, איז דאָכ שענער! —

האָט מעדזשנונ דאנ דעמ קאָפּ פארבויגנ:
— מיילעכ, וווּנדערלעכ ליכט!
מ׳דארפ אפּ ליַילעס געזיכט
קוקנ נאָר מיט מעדזשנונישע אויגנ!

אָ, באשטראָפנ מיכ, קעפנ מיכ קענסטו:
בא דיַינ דינער מעדזשנונ
איז זי העלער פונ זונ,
בא מעדזשנונענ איז זי די שענסטע! —

אפנ יונג האָט דער מיילעכ פארקוקט זיכ:
ווי ער שיַינט, ווי ער שטראלט!
אלע, אלע אינ זאל
פאר מעדזשנונענ האָבנ פארבוקט זיכ.

ו

אויב צו נאראָנימ איז פארגאנ
א קלוגער מאנ,
וואָס האָט די קלוגשאפט זיַינע יאָרנלאנג געכאָוועט, —
זאָל ער ניט ריכטנ זיכ אפּ קיינ שומ קאָוועד.
אויב א נאר די צונג צעוויגט
אונ מיט פּלאפּלעריַי דעמ קלוגנ מאנ באזיגט,
איז עס קיינ כידעש ניט אונ ס׳איז קיינ שלעכטער סימענ:
מיט א שטיינ צעקלאפּנ קאָנ מענ אויכ א דימענט.

ז

מיר האָבנ אינעמ בוכ א גוטע אייצע איַיכ געגעבנ.
דעמ בוכ געשאָנקענ האָבנ מיר פּיל יאָרנ מי אונ לעבנ.
עס מעגנ ניט פארנעמענ אונדזער וואָרט די קעפּ די טעמפּע אונ די הארבע.
דער לויפער האָט געבראכט די בסורע — ער האָט אָפּגעטאָנ זיַינ ארבעט.

מוטערס

(פון נעקראסאָוון)

ווען כ'הער פון קריג דעם שוידער-קלאנג,
לעמ יעדנ העלד, וואָס פאלט, איכ טרויער.
זײַנ פרײַנט, זײַנ פרוי טוט מיר ניט באנק
און ניט דעם קריגער איכ באדויער.

אָ, ווי, ס'וועט טרייסטנ זיכ דאָס ווײַב,
דער בעסטער פרײַנט ניט לאנג וועט בענקענ.
נאָר ערגעצ-ווו אײַנ הארצ פארבלײַבט,
וואָס ביזנ קייווער וועט געדענקענ!

אינ אונדזער פאלשקײַט, אונדזער קעלט,
אינ שטויב פונ נישטיקע באגערנ
איכ האָב באמערקט אפּ אונדזער וועלט
די הייליקע, די שטילע טרערנ,
די מוטערס טרערנ, די געהיימע.

זיי וועלנ ניט פארגעסנ קיינמאָל
די קינדער אפנ שכיטע-פעלד.
ווי ווערבעס אָנגעבויגענע, אינ וועלט
זיי וועלנ אייביק, אייביק ווײַנענ.

יִידישע מעלאָדיע

(לויט ביאַראָנען)

דו האָסט דײַן וועג פאַרענדיקט, העלד!
אצינד וועט אופגייען דײַן נאָמען.
אצינד וועט לעבן וווּנדער־העל
אין היימלאנדס לידער דײַן נעשאָמע.
ס'וועט לעבן אין די שטאָלצע לײַט
דײַן מוּט, וואָס האָט די וועלט באפרײַט.

ווי ס'וויסט דײַן פֿאָלק קיין יאָך, קיין רוט,
עס וועט דײַן רום קיין טויט ניט וויסן.
דו ביסט געפאלן, נאָר דײַן בלוט
ניט אין דער ערד — אין אונדז טוט פליסן.
דו האָסט פארזייט צום קריג דעם גלוסט,
צום זיג דעם דראנג אין אונדזער ברוסט.

דעם פײַנט וועט יאָגן שרעק, ווי נאָר
ס'וועט אופ דײַן נאָמען אין געראנגל.
ס'וועט זינגען צארטער פרויען־כאָר:
— ווי דרייסט עס איז דער העלד פארגאנגען! —
נאָר קיינער וועט ניט וויינען, ניין:
דײַן אש באדארף ניט קיין געוויין!

אינהאלט

אײדער ס'איז געשען

זײַט

א שטעג . . . 3
אין א גרויסער נאכט . . . 4
ווי גיך סע בײַטן זיך די דויִרעס . . . 5
זומערלעב . . . 9
אָשער צווישן די באָגונער . . . 10
מ. דאניִעלן . . . 13
לעצטער אָוונט . . . 14

פון סאמע פײַער

צעשמעטערן! . . . 17
אונדזער פאָן איז געראכטן! . . . 18
מיר געזעגענען זיך . . . 19
אומאניער ריכטונג . . . 21
הארבסט 1941 . . . 28
אין וואלד . . . 31
מיטן פאָלק . . . 37
היים אפן שלאכט־פעלד . . . 39
מײַן באריכט . . . 44
די שוועסטער אונדזערע . . . 48
אָט איז זײַן גאס . . . 51
איינציקע — איינע . . . 53
א סאך, א סאך... . . . 55
שטיי אוף און גיי! . . . 56
צו א פרײַנט . . . 57
אָן אן אדרעס . . . 60
געזאנג אין שפּיטאָל, א . . . 62
״ ״ ״ ב . . . 63
מישפּט . . . 64
פארבלוטיקטע ביכער . . . 65
אין מאלבעש רויטארמייִשן . . . 68
שטראלן . . . 70
דורך אָט דער וועלט . . . 71
אָנדענק . . . 72
נעבן קיִעוו . . . 75
אָן טומל . . . 80
מײַן מאמע ר. פּט . . . 81

פלאַמיקע באַגלייטער

אפנ באַרג 84
דער יונג אונ דאָס מיידל 87
אזוי האָט סאַאַדי געזאָגט 89
מוטערס 93
ייִדישע מעלאָדיע 94

Э. ФИНИНБЕРГ

С ПОЛЯ БОЯ

Редактор *А. Фрумкин* Обложка — худ. *А. Гефтера*

Л-60289. Подписано к печати 15/XI-43 г. печ. л. 3, уч.-изд л. 4
Тираж 5000. Заказ 79.

Типография Госэнергоиздата, Москва, Шлюзовая набер., 10.